YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv05i35

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 5 Issue 35
August 1923

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 5, Iss. 35)

Keywords
International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/223

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)

אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט פארלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. V. No. 35. New York, Friday, August 31, 1923. פרייטאג, 31טען אויגוסט, 1923. PRICE 3 CENTS

אינטערנאשאנאל זיעג טאג-געשפרעך אין שיקאגא

אין אונזערע נייעס פון לעצטער וואך וועגען די אינדזשאנקשאנס אין שיקאגא, האבען מיר געמאכט א קליינעם פעהלער דורך א מיספארשטענדניש פון א טעלעגראמע. דער סטייט־קאורט האט זיך ניט ענטזאגט ארויסצוגעבען אין גאנצען אן אינדזשאנקשאן צו די 10 דרעס מאנופעקטשורערס, נאר זיין אינדזשאנקשאן איז געווען פיל מילדער ווי דער פעדעראל אינדזשאנקשאן. לויט דעם אינדזשאנקשאן מעג מען יע רייען, נאטירליך פרידליך־מאנירליך, מיט אן ארבייטער וועגען אריינטרעטען אין דער יוניאן.

און אין דעם זעלבען זין האט דזשאדזש קליף, פאר וועמען עס איז פארגעקומען דער פארהער וועגען דעם פעדעראל אינדזשאנקשאן געענדערט דעם אינדזשאנקשאן פון דזשאדזש קארפענטער. לויט דעם נייעם נוסח פון דעם אינדזשאנקשאן וועט באס מיטשעל מוזען קענען פארטראגען אז יוניאן־לייט זאלען שטעהן ארום זיין שאפ און זאלען מעגען ריידען מיט זיינע אונטערטאנען, די ארבייטער. פראקטיש איז עס דאסזעלבע, אזוי ווי דער אינדזשאנקשאן וואלט אינגאנצען בטול געווארען, נאר דזשאדזש קליף האט מסתמא ניט געוואלט צו שטארק ערגערען זיין קאלעגע, דזשאדזש קארפענטער, האט ער איבערגעלאזען בלויז די שאלעכץ פון אינדזשאנקשאן, און ארויסגענומען פון איהם זיין גאנצע גיפטיגע יאדרע.

עס איז אלזא קלאר, אז די אינטערנעשאנאל האט אויסגעפירט. זי האט צו איהר קרעדיט, דאס מיט איהר קאמף געגען דעם אינדזשאנקשאן האט זי ממש גאראנטעוועט דאס רעכט פון פרייער רעדע און פרייער פארזאמלונג און דאס רעכט צו ארגאניזירען די ארבייטער אין א יוניאן.

א גרויסער טייל פון דעם קרעדיט אין דעם קאמף קומט גאמפערס'ען. מיר האבען שוין באריכטעט וועגען דעם ערשטען

(שלוס אויף זייט 13.)

פרעזידענט זיגמאן'ס באזוך אין שיקאגא מאכט א טיפע ווירקונג

דער הויפט־ציל פון פרעז. זיגמאנ'ס קורצען באזוך אין שיקאגא איז פולשטענדיג דערגרייכט געווארען. ער האט קלאר געמאכט פאר אלעמען סיי שריפטליך, דורך דעם שיקאגא'ער „פארווערטס", און סיי מינדליך אויף פארשיידענע מיטינגען, אז וויים־פרעזידענט פערלשטיין האנדעלט אין פולשטענדיגען איינקלאנג מיט דעם באשלוס פון דזשענעראל אפיס פון דער אינטערנעשאנאל; אז ער איז ניט דער דיקטאטאר, ווי פאסטער און זיין חברה טרייען איהם אויסצומאלען, און אין וועמען זיי האבען געהאלטען אין איין שיסען זייערע פארגיפטעטע פיילען.

איצט ווייס יעדער, אז פערלשטיין ערפילט נאר זיין פליכט, אלס איינער פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל און ברודער פאסטער האט זיך געמאכט בלויז נאריש, ווען טרעפענדיג זיך מיט איהם אויף א מיטינג פון דער שיקאגא'ער פעדעריישאן אוו לייבאר, איז ער צוגעגאנגען צו איהם און געמאכט א מינע, אזוי ווי ער וואלט געוועזען פארטיג צו פארקאטשען די ארבעל און האבען א „פייט" מיט פערלשטיין. נאטירליך, פאר פערלשטיין און פאר

(שלוס אויף זייט 13.)

„ניו יארק קאלל" ווערט דער אייגענטום פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט

דער פלאן פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל אוועקצושטעלען די „ניו יארק קאלל" אויף א געזונטען עקאנאמישען און גייסטיגען באדען, איז ענדליך אויסגעפיהרט געווארען.

פילע קאנפערענצען פון די פארשטעהער פון די פארשידענע יוניאנס, זיינען אפגעהאלטען געווארען, זייט דער ג. ע. ב. פון דער אינטערנעשאנאל האט אנגענומען זיין באשלוס. די התחלה איז געווען ניט אזא, וואס האט געקאנט איינעם געבען פיל מוט ווייטער אנצוגעהן מיט דער ארבייט. אבער פרעזידענט זיגמאן איז ניט פון די מענשען, וואס ווערען אזוי גיך ענטמוטיגט דורך פארשידענע שוועריגקייטען און שטערונגען, און איצט קענען מיר מיטטיילען, אז דער גאנצער פלאן פון דער אינטערנעשאנאל, אז די „קאלל" זאל ווערען דאס אייגענטום פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט אין ניו יארק און אויך קאנטראלירט פון איהר, איז א פאקט.

די ווירקליכע בעלי בתים פון דער „קאלל" זיינען איצט די איבער דריי הונדערט טויזענד יוניאן לייט, וואס געהערען צו די פארשידענע יוניאנס, וועלכע זיינען איצט די אייגענטימער פון דער מאיאריטעט סטאק פון דער „קאלל".

דער פריהעריגער אייגענטימער פון דער „קאלל", די „ווארקינגמענס קאאפעראטיוו פאבלישינג אסס'ן", האט בלויז 15 פראצענט פון סטאק. די איבעריגע 85 פראצענט זיינען דאס אייגענטום פון די יוניאנס, און, לויט דעם טשארטער, קען קיין אנדער ארגאניזאציע, ווי אן ארבייטער־יוניאן ניט האבען קיין „קאלל" סטאקס.

געוויס איז נאך ניט אלעס פאלשטענדיג ארגאניזירט, אזוי, אז די צייטונג זאל אינערליך, ווי אויסערליך ארויסווייזען דעם געענדערטען כאראקטער איהרען. עס קען זיין, אז די „קאלל" וועט קריגען עטוואס אן אנדער נאמען, אזוי, אז מען זאל גלייך וויסען, אז זי איז דורך און דורך אן ארבייטער־צייטונג. מעגליך, אז עס וועט נויטיג זיין

(שלוס אויף זייט 16.)

קליוולענדער קלאוקמאכער דרעמלען ניט

דער אגרימענט צווישען דער יוניאן און די בעלי בתים ענדיגט זיך אין דעצעמבער. די פארהאנדלונגען וועגען דעם נייעם אגרימענט וועלען זיך אנפאנגען אין אקטאבער. האט עס די קליוולענדער קלאוקמאכער יוניאן שטארק אין זינען, און זי הייבט זיך שוין אן פארבערייטען באצייטענס. לעצטען פרייטאג איז איינבארופען געווארען א מאס־מיטינג, וועלכער איז אדרעסירט געווארען פון וויס־פרעזידענט פערלשטיין, קאטאווסקי און קריינדלער. די טשער איז געווען געפיהרט פון נייטען סאלאמאן, טשערמאן פון דזשאינט באארד, און דער מיטינג האט זיך אויסגעצייכענט מיט דעם העכסטען ענטוזיאזם.

ערשטענס איז צום מיטינג געקומען פון שיקאגא מ. פערלשטיין. שטארק פארנומען ווי ער איז אין שיקאגא, האט

(שלוס ואיף זייט 15.)

לעבעדיגער ארגאניזיישאן-קאמפיין פון די קלאוקמאכער אין מאנטרעאל

דער קאמפיין פאר א שטארקע קלאוקמאכער יוניאן, פאר א קאמפעטענטע יוניאן איז איצט אין פולען גאנג.

די ברידער: מ. דעסמאנד, ד. לעוויט, זש. קוביטץ און זש. שובערט צוזאמען מיט בר. ס. גאלדבערג, וועלכער איז דירעקט אנגעשטעלט געווארען פון דער אינטערנעשאנאל צו העלפען אנפירען דיזען קאמפיין, האבען זיך אריינגעווארפען אין דער ארבייט מיט דער גאנצער ענערגיע.

שעפער ווערען באזוכט יעדען טאג אין דער פריה, מיטאג און אווענד; מעמבערס, ספעציעל די „געוועזענע", ווערען באזוכט און מיט פארשידענע ארגומענטען איבערצייגט צוריקצוקומען אין דער יוניאן.

לעצטען דאנערשטאג האבען מיר געהאט א מאס־מיטינג. דער מיטינג איז געווען אויסערגעוויינליך גוט באזוכט, און דער ענטוזיאזם, וואס האט געהערשט איז געווען א זעלטענער. די רעזולטאטען זעהט מען שוין. — מעמבערס קומען אריין פון פארשידענע שעפער, און דער פראנצויזישער עלעמענט, וועלכער האט געבראכט א היבש ביסעל צרות, ערשטענס אונז, און דאן זיך אליין, קומען אויך אריין אין דער יוניאן. אראנדזשמענטס

(שלוס אויף זייט 16.)

לייבאר דעי קאנצערט אין יוניטי הויז, פארעסט פארק, פא.

אלע אראנדזשמענטס זיינען שוין געמאכט געווארען פאר דער פייערונג פון לייבאר דעי אין דער יוניטי הויז, פארעסט פארק, פא.

עס ווערט פאראנשטאלט ביי דיזער געלעגענהייט אן אויסערגעוויינליכער קאנצערט אין וועלכען עס וועלען זיך באטייליגען די פאלגענדע פראמינענטע קרעפטען:

מאקסימיליען ראוז, וויאלאניסט.
מרס. קיען, סאפראנא.
דייוויד שאפירא, פיאניסט.

די פראגראם איז אן אויסערגעוויינליכע און אלע באזוכער פון יוניטי הויז וועלען האבען אן אמת גייסטיגען גענוס.

א ספעציעלער טריין וועט אפפארען פון לאקאוואנא ריילראוד סטיישאן, פרייטאג דעם 31טען אויגוסט, אום 6.30 פארנאכט (דעי־לייט סייווינג צייט) און וועט פארען דירעקט קיין בושקיל, וואו די יוניטי „באסעס" וועלען אפווארטען די געסט און וועלען זיי אפפירען קיין יוניטי הויז.

רעדזשיסטריישאנס ווערען אנגענומען יעדען טאג אין אונזער אפיס, 16 וועסט 21טע סטריט, פון 10 אין דער פריה ביז 6.20 פארנאכט. פארפעלט ניט די געלעגענהייט און רעדזשיסטרירט זיך באלד.

עס ווערען אויך אנגענומען רעדזשיסטריישאנס פאר ראש השנה.

נעקסטער-מאנטאג איז א ליגעל האלידעי

קלאוקמאכער און דרעססמאכער! נעקסטען מאנטאג, לייבאר דעי, טאר קיינער פון אייך ניט ארבייטען. — קאמיטעס וועלען באזוכען די שעפער, און אין פאל זיי וועלען געפינען אימיצען ביי דער ארבייט, וועט ער שטרענג באשטראפט ווערען.

דרעססמאכער, אויפגעפאסט!

מיט אלע אייערע אנגעלעגענהייטען, קלאגען און אז. וו., מוזט איר זיך ווענדען צום דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעססמאכער יוניאן, 130 איסט 25טע סטריט, אויפ'ן פערטען פלאר. די אסס'ן דרעס שעפער שטייען אונטער דעם מענעדזשמענט פון ברודער י. הורוויץ; די אינדעפענדענט דרעס שעפער — פון ברודער ס. פריזאמט. אלע איטאליענישע דרעססמאכער זאלען קומען מיט זייערע יוניאן־אנגעלעגענהייטען צו מיס קאמפאנעלא, אויף דעמזעלבען פלאר.

אינהאלט-פארצייכנים

„גערעכטיגקייט" נומער 35.

זייט 2. די וואך — מ. ד. דעניש. ביי די סעמפעל־מאכער און קלאוק־שניידער, לאקאל 3. — ד. רובין.
זייט 3. לעצטער באריכט צום וו. און דרעס־מאכער דזש. באארד — דזשוליוס האכמאן. אינט. קאלענדאר — ה. סקולמאן.
זייט 4. עדיטאריעל נאטיצען. ווילט איהר פארגרעסערען אייער וואג — פ. ל. א. ס.
זייט 5. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער.
זייט 6. ביי די לאקאלס אין באסטאן — א באאבאכטער. שיקאגאער דזש. ב. נייע באאמטע. לעידיס טיילארס לאקאל 28. — ב. דריזין, סעקר.
זייט 7. חתנים (סקיצע) — אברהם רייזען. לייבאר דיי (פעליעטאן) — דזש. העללער. לידער — נפתלי גראס.
זייט 8. פון דעם רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. די קלאוק און דרעס אינדוסטריע. — בערנארד אקערמאן.
זייט 10. מלאך המות־פאליטיק — א. זעלדין. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. וואס דער דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל טוט און זאל טאן — דר. דזשארדזש מ. פרייס. דער סאבאטאזש פון די לינקע און דער פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן — מ. דארדיק.
זייט 12. דער פאנאגראף — ל. באראדוליץ.
זייט 13. קורצע שמועסען. שלוסען פון ערשטען זייט.
זייט 14. לאקאל אדרעססען.
זייט 15. נאך אן אינדזשאנקשאן געגען ל. 62.
זייט 16. שלוס פון ערשטען זייט.

לעצטער באריכט צום דושאינט באַארד דרעס און ווייסטמאַכערס יוניאָן

פון דושוליוס האָכמאַן, מענעדושער.

איצטער, ווען אונזער יוניאָן האָט זיך אנגעשלאָסען אַן דעם דושוינט באַארד פון די קלאוקמאַכער און די לעבענס־געשיכטע פון דעם דושוינט באַארד פון די ווייסט און דרעסמייקערס מיט זיין וואוקסונג, קעמפע און דערגרייכונגען איז געענדיגט, דענק איך, אַז עס וועט ניט זיין איבעריג צו געבען אַן אַלגעמיינעם איבערבליק אויף די וויכטיגסטע מאָמענטען אין דער געשיכטע פון אונזער יוניאָן.

אום צו קענען ריכטיג אָפּשאַצען די אויפגעטאַנענע ארבייט פאַר אונזער יוניאָן אין דער פאַרגאַנגענהייט, מוז מען האַלטען אין זינען דעם פאַקט, אַז אונזער יוניאָן איז הויפּטזעכליך אַ פרויען־ארגאַניזאַציע. די לעצטע ציפערען ווייזען, אַז אין אונזער אינדוסטריע זיינען באַשעפטיגט 77 פּראָצענט פרויען און נאָר 23 פּראָצענט מענער. מיט איינציגע יאָהר צוריק איז דער פּראָצענט פרויען געווען נאָך פיל גרעסער. לויט דר. סטאָון'ס טאַבעלען איז אין 1916 געווען גאַנצע 85 פּראָצענט פרויען אין די ווייסט און דרעס טריידס און נאָר 15 פּראָצענט מענער.

עס איז אַ פאַקט, אַז פרויען, אַלס אַרבייטערינס, זיינען ניט קיין באַשטענדיגער עלעמענט אין דער אינדוסטריע. עס ווערט געשאַצט, אַז יעדע פינף יאָהר בייטען זיך פאַלשטענדיג די מיטגלידער פון אונזער יוניאָן. דאָס ווערט נאָך מעהר ווי באַשטעטיגט פון די לעצטע אונטערזוכונגען אין אונזערע לאָקאַלען.

לאָקאַל 22 האָט היינט צו טאָג אַ מעמבערשיפּ פון אומגעפעהר ניין טויזענט. פאַקטיש דיזעלבע צאָהל מיטגלידער ווי מיט אַ יאָהר צוריק. דאָך האָבען דריי טויזענט פון דיזער צאָהל זיך אנגעשלאָסען אַן דער יוניאָן דורכ'ן פאַרגאַנגענעם יאָהר. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין לאָקאַל 89. דאָס באַווייזט, אַז אומגעפעהר אַ דריטעל פון אונזערע מעמבערס בייטען זיך יעדען יאָהר, אָדער די גאַנצע מיטגלידערשאַפט בייט זיך יעדע דריי יאָהר.

איך דערמאָן דאָ דעם פאַקט, כדי מיר זאָלען קענען בעסער אָפּשאַצען די קאָלאָסאַלע ארבייט, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרען אין די לעצטע 15 יאָהר. דורך דיזער צייט איז אויפגעבויט געוואָרען די גרעסטע פרויען־יוניאָן אין דער וועלט.

עס איז געווען אין דעם 16־וואָכיגען גענעראַל־סטרייק פון 1909, ווען 13 טויזענט ווייסטמאַכער האָבען צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דעם ארבייטער־קאַמף רעוואָלטירט קעגען דער אונטערדריקונג פון זייערע בעלי־בתים, קעגען די שענדליכע קאָנדיציאָנען וואָס האָבען דאַן עקזיסטירט אין די ווייסט־שעפּער.

דער גלאָררייכער קאַמף האָט ארויסגערופען דעם גרעסטען אינטערעס, סימפּאַטיע און באַוואונדערונג ביי די ארבייטער און דעם אַלגעמיינעם פּובליקום ניט נאָר אין אַמעריקאַ, נאָר אין דער גאַנצער וועלט. עס וועט זיין ניט איבערטריבען צו זאָגען, אַז קיין ארבייטער־קאַמף ביז דאַן און נאָך דעם האָט ניט געצייגט אַזוי פיל אָפּפערוויליגקייט, ווי יענער גענעראַל־סטרייק פון די ווייסטמאַכער.

אַלס אַן אינטערעסאַנטען עפּיזאָד פון יענעם סטרייק איז ווערט צו דערמאָנען, אַז אַן אַסאָסיאיישאָן פון בעלי־בתים האָט זיך דאַן אָרגאַניזירט און האָט געוואָלט סעטלען מיט דער יוניאָן קאָלעקטיוו. די יוניאָן האָט זיך אָבער דערפון אָנטזאָגט, ניט גלויבענדיג אין די ראַטזאַמקייט צו האַנדלען מיט אַן אַסאָסיאיישאָן פון פאַבריקאַנטען.

דער סטרייק האָט זיך געענדיגט. קאָנטראַקטען זיינען אונטערגעשריבען געוואָרען מיט ארום צוויי הונדערט פאַבריקאַנטען. די ארבייטער האָבען געוואונען אַ 54־שטונדיגע ארבייטס־וואָך און געוויסע עלעמענטאַרע רעכטע אין די שעפּער. באַלד נאָכ'ן סטרייק האָט די יוניאָן געהאַט ארום 10,000 מיטגלידער.

דיזע מיטגלידערשאַפט האָט זיך אָבער לאַנג ניט געהאַלטען, ווייל די גרעסערע פאַבריקען, אַזעלכע ווי „שער בראָס." א. א., וועלכע זיינען געווען געצוואונגען צו סעטלען מיט דער יוניאָן, האָבען געבראָכען דעם אַגרימענט אַזוי שנעל, ווי דער סטרייק איז געווען פאַראיבער. און די מיטגלידערשאַפט האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט אין צאָהל.

.1913

אין יאַנואַר, 1913, איז אונטערגעשריבען געוואָרען דער ערשטער קאָלעקטיווער אָפּמאַך אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע, צווישען דער ווייסט און דרעסמאַכער יוניאָן לאָקאַל 25 און די דרעס און ווייסט מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאַן. די הויפּט־פּונקטען פון דעם אָפּמאַך זיינען געווען: ערשטענס, שטענדיגער פרידען אין דער אינדוסטריע; צווייטענס, אַ 50־שטונדיגע ארבייטס־וואָך, און, דריטענס, אַן אומפּאַרטייאישער טריבונאַל צו שליכטען אַלע סכסוכים צווישען ארבייטער און ארבייטס־געבער, ווי אויך צווישען דער יוניאָן און דער אַסס'ן. עס איז אויך איינגעשטימט געוואָרען צווישען ביידע צדדים אָפּצושטעלען די גאַנצע אינדוסטריע אויף אַ וואָך צייט, כדי צו געבען דער יוניאָן אַ געלעגענהייט צו ארגאַניזירען די ניט־יוניאָן שעפּער. אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם סטרייק האָט די יוניאָן אריינגעקראָגען טויזענדע מיטגלידער און פאַרשטאַרקט איהר איינפלוס אין דער אינדוסטריע.

.1916

אין אנהויב 1916 האָט די יוניאָן געשטעלט די באַלעבאַטים אַ צאָהל נייע פאָדערונגען, נעמליך: אַ העכערונג אין שכירות, ווייניגער ארבייטס־שטונדען און אַן אַלגעמיינע אויסבעסערונג אין דעם אַגרימענט אום צו פאַרזיכערען די רעכטע פון די ארבייטער אין די שעפּער. נאָך פיעלע וואָכען פון פאַרהאַנדלונגען צווישען ביידע צדדים, זיינען די אַלע פאָדערונגען איבערגעגעבען געוואָרען צו אַ באָאַרד אָוו אַרביטריישאָן, וועמעס אורטייל ביידע צדדים האָבען זיך פאַרפליכטעט אויסצופאָלגען. די באָאַרד אָוו אַרביטריישאָן האָט נאָך אַ גרינדליכער באַראַטונג אַרויסגעגעבען די פאָלגענדע אַנטשיידונג: ערשטענס, אַז די ארבייטער זאָלען קריגען אַ העכערונג אין לוין פון 10 פּראָצענט; צווייטענס, אַז די ארבייטס־וואָך זאָל באַשטעהן פון 49 שטונדען; דריטענס, אַז די מינימום סקיילס זאָלען געהעכערט ווערען אויך 10 פּראָצענט. דערצו זיינען פיל פּונקטען אין דעם אַגרימענט באַדייטענד אויסגעבעסערט געוואָרען. אונזער יוניאָן איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט איינגעפיהרט די 49־שטונדיגע ארבייטס־וואָך אין דער נאָדעל־אינדוסטריע.

דער יאָהר 1916 איז פאַקטיש געווען דער לעצטער, ווען די באָאַרד אָוו אַרביטריישאָן האָט געדינט אַלס אַ מיטעל צו פאַרמיידען אַ גענעראַל־סטרייק.

דער אַגרימענט פון 1916 האָט געבראַכט מיט זיך פרידען, דאָס איז אָבער ניט געווען דער פרידען, וועלכער האָט געהערשט אין די פאַרגאַנגענע יאָהרען. די אַדמיניסטראַציעס אין דער אַסס'ן האָבען זיך אָנגעהויבען אָפט צו בייטען. צו דער זעלבער צייט האָט די ווייסט־אינדוסטריע אָנגעהויבען פאַלען. אַ גרויסע צאָהל מיטגלידער פון דער אַסס'ן האָבען אויפגעעפענט גרויסע שעפּער אין די דערבייאיגע שטעדטלאַך ארום ניו יאָרק כדי דערמיט צו פאַרקלענערן די ארבייטס־קאָסטען און אויך אום אויסצומיידען די פאַרפליכטונגען, וועלכע זיי האָבען געהאַט נאָכצוקומען לויט דעם אַגרימענט. די אַסס'ן, אַנשטאָט צו דיסציפּלינירען איהרע מיטגלידער פאַר ניט נאָכקומען די פּונקטען פון דעם אַגרימענט, האָט זיי געהאָלפען מיט אַלע מעגליכקייטען אונטערצוגראָבען די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען פון דעם פּראָטאָקאָל. דאָס האָט געפיהרט צו שאַרפע קאָנפליקטען צווישען דער יוניאָן מיט דער אַסס'ן.

בילדונג און די יוניטי הויז.

אין דעם זעלבען יאָהר, גלייך נאָכדעם ווי דער אַגרימענט איז אונטערגעשריבען געוואָרען, האָט דער עקזעקוטיוו באָאַרד פון לאָקאַל 25 גענומען באַטראַכטען וועגען און מיטלען ווי אַזוי אָנצוהאַלטען דעם אינטערעס פון די מיטגלידער אין דער יוניאָן און צו מאַכען די מיטגלידער פיהלען, אַז די יוניאָן איז ניט נאָר אַ מיטעל פאַר אויסקעמפען בעסערע ארבייטס־באַדינגונגען, נאָר אַז עס איז אויך אַ פּלאַץ פאַר גייסטיגער און פיזישער אַנטוויקלונג. מיר מעגען שטאָלצירען מיט דעם, וואָס אונזער יוניאָן איז געווען די ערשטע ארבייטער־אָרגאַניזאַציע אין לאַנד, וועלכע האָט געפונען פאַר נויטיג צו עטאַבלירען אַ בילדונגס־אינסטיטוציע, וואו די מיטגלידער זאָלען האָבען די געלעגענהייט זיך צו אַנטוויקלען און ערציהען אונטער דער פיהרערשאַפט פון דער יוניאָן.

אין 1916 איז אויך עטאַבלירט געוואָרען אונזער ערשטע יוניטי הויז, אין פיין היל, נ. י., אונטער דער פיהרערשאַפט פון מיסס דושוליעט סטוּאַרט פּאָינטץ, וועלכע אונזער יוניאָן האָט אַנגאַזשירט אַלס אונזער בילדונגס־דירעקטאָר, צוזאַמען מיט אַ קאָמיטע פון דעם עקזעקוטיוו באָאַרד.

ביידע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען איינגעפיהרט געוואָרען אין דעם זעלבען יאָהר, זיינען פאַרבליבען ביז היינט און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבען נאָכגעפאָלגט אונזער ביישפּיל און האָבען אויך געעפענט יוניטי הייזער. אונזער בילדונגס־אינסטיטוציע איז געוואַקסען און האָט זיך אַנטוויקעלט צו אַזאַ שטופע פון פּראָמינענץ, אַז אונזער אינטערנעשאַנאַל האָט געפונען פאַר נויטיג דאָס איבערצונעהמען און איינפיהרען עס אַלס איינעם פון איהרע וויכטיגסטע דעפּאַרטמענטס.

די יוניטי־הויז־אידעע און דער אופן, ווי אַזוי זי איז געוואַקסען און זיך אַנטוויקעלט פון דעם קליינעם פּלאַץ אין פיין היל צו דעם גרעסערען פּלאַץ אין בער מאָונטענס, דעם נאָך גרעסערען פּלאַץ אין אָווערלוק מאָונטענס און לעצטענס צום יעצטיגען פּראַכטפולען רייכען פּלאַץ אין פאָרעסט פּאַרק, פּאַ., צוזאַמען מיט אונזער איטאַליענישער יוניטי הויז אין סטעטען איילאַנד, זיינען זאַכען, וועלכע זיינען אַלעמען באַוואוסט און מיר געפינען פאַר איבעריג איבער דעם זיך צו פאַרשפּרייטען.

.1919

צום ערשטען מאָל זינט דעם יאָהר 1909 האָבען זיך די באַלעבאַטים פאַרמאָסטען מיט אונז אין כחות און מיר זיינען געווען געצוואונגען ארויסצוגעהן אין אַ גענעראַל־סטרייק. דער הויפּט שטרייטפּונקט אין יענער סיטואַציע האָט זיך אַנטוויקעלט פון אונזער פאָדערונג איינצופיהרען אַ 44־שטונדיגע ארבייטס־וואָך.

דאָס איז געשעהן גלייך נאָכדעם, ווי די וועלט־מלחמה איז פאַראיבער. די לאַגע אין דער אינדוסטריע איז געווען זעהר אַ גינסטיגע. די אַמאַלגאַמייטער קלאָדינג וואָרקערס איז צו יענער צייט געווען די איינציגע יוניאָן, וועלכע האָט איינגעפיהרט אין איהר טרייד די 44־שטונדיגע ארבייטס־וואָך. אונזער אַגרימענט מיט די באַלעבאַטים איז אויסגעגאַנגען. אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט אונזער עקזעקוטיוו באַארד באַשלאָסען צו פאָדערען די איינפיהרונג פון דער 44־שטונדיגער ארבייטס־וואָך אין אונזער אינדוסטריע, און אויך אַ 15־פּראָצענטיגע העכערונג אין לוין.

די דרעס און ווייסט מאַנופעקטשורערס אַסס'ן האָט זיך אַנטשידען אַנטזאָגען נאָכצוגעבען אונזערע פאָדערונגען, און זי האָט נאָך דערצו ארויסגעשטעלט פאָלגענדע געגען־פאָדערונגען: ערשטענס, דאָס פולע און אומבאַגרעניצטע רעכט אָפּצוזאָגען ארבייטער; צווייטענס, דאָס רעכט צו רעאָרגאַניזירען דעם שאָפּ צוויי מאָל אַ יאָהר, און, דריטענס, אָפּשאַפען די גלייכע צוטיילונג פון ארבייט צווישען די ארבייטער אין צייט פון סלעקסיזאָן.

פון דיזע געגען־פאָדערונגען איז געווען קלאָר, אַז די אַסאָסיאיישאָן זוכט אונטערצוגראָבען דעם צוטרויען פון די ארבייטער צו זייער ארגאַניזאַציע און אַזוי אַרום צוברעכען די יוניאָן. דיזע שטעלונג פון דער אַסס'ן האָט געפיהרט צו אַ גענעראַל סטרייק, וועלכער איז ארויסגערופען געוואָרען דעם 21טען יאַנואַר, 1919, און נאָך 11 וואָכען ביטערען און ענערגישען קאַמף איז אונז געלונגען צו שליסען אַן אָפּמאַך, לויט וועלכען עס איז איינגעפיהרט געוואָרען די 44־שטונדיגע ארבייטס־וואָך און אונזערע מיטגלידער האָבען זיך אומגעקערט צו דער ארבייט זיגרייך און מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז אונזער יוניאָן איז געווען די ערשטע, וואָס האָט איינגעפיהרט די 44־שטונדיגע ארבייטס־וואָך אין דער לייידיס גאַרמענט אינדוסטריע.

קאָנטראַקטאָרס אַסאָסיאיישאָן.

דער וויכטיגער רעזולטאַט פון דיזען סטרייק איז דאָס, וואָס מיר האָבען אָנגעהויבען צו באַגרייפען, צום ערשטען מאָל, אַז מיר האָבען ניט מעהר קיין ווייסט־אינדוסטריע. די ווייסט־אינדוסטריע איז פאַקטיש פאַרשוואונדען געוואָרען, און אַנשטאָט איהר איז אויסגעוואַקסען אַ נייע, דרעס־אינדוסטריע. צוזאַמען מיט דעם פאַרשווינדען פון דער ווייסט־אינדוסטריע זיינען אויך פאַרשוואונדען די גרויסע שעפּער. די ווייסט־אינדוסטריע איז אָנגעפיהרט געוואָרען כמעט אויסשליסליך אויף דעם מאַנופעקטשורינג באַזיס, און אין דער צייט פון איהר העכסטער אַנטוויקלונג האָבען זיך געפונען שעפּער, וועלכע האָבען באַשעפטיגט ארום 1800 ארבייטער אונטער איין דאַך.

(פאָרטזעצונג פאָלגט)

קלאָוק, סקוירט און דרעס פּרעסערס

יוניאָן לאָקאַל 35

א ספּעציעלע מיטינג

פון אַלע ניו יאָרקער פּרעסערס

וועט אָפּגעהאַלטען ווערען

מאָנטאָג, דעם 27טען אויגוסט

אום 8 אוהר

אין פאָרווערטס האַלל

175 איסט בראָדוויי

מיט'ן צוועק פאָרטצוזעצען די דיסקוסיאָן פון לעצטען מיטינג וועגען די יעצטיגע אַלגעמיינע לאַגע אין טרייד.

קומט אין מאַסען און מאַכט דיזען מיטינג אַ סוקסעס, ווייל דאָס איז איינער פון די וויכטיגסטע מיטינגען פאַר דעם לעבען פון אונזערע מעמבערס.

עקז. באַארד לאָקאַל 35

דוש. בראַסלאַוו, סעק.־מענעדושער.

אינטערנעשאַנאַל קאַלענדאַר

פון ה. סקולמאַן.

היינטיגע וואָך מיט 12 יאָהר צוריק

דער סטרייק פון די שיקאַגאָ'ער קלאָוקמאַכער קעגען דער פירמע פּערסיוועל ב. פּאַלמער האַלט נאָך אָן אין פולען גאַנג, די ארבייטער זיינען פעסט ענטשלאָסען אָנצופיהרען דעם קאַמף ביז צו אַ זיג.

* * *

ווייסט און דרעס מאַכער יוניאָן ערקלערט אַ סטרייק געגען דער פירמע עקזעל און קאָ. פון 60 וועסט 15טע סטריט, דערפאַר ווייל די פירמע וויל איינפיהרען איין „אָפּען שאָפּ". פּאַלים און גיינגס באַזעצען דעם שאָפּ.

* * *

דער סטרייק אין קליוולאַנד געהט נאָך אָן אין פולען גאַנג, די ארבייטער פון לאַנדעסמאַן האַלטען אַ מיטינג און באַשליסען צו שטעהן אין סטרייק ביז צום לעצטען מאָמענט און די קליוולענדער ענגלישע צייטונג „די פּרעס", שלאָגט פאַר ארביטריישאָן. קליוולענדער ביזנעס לייטע פיהרען איין סטעמפּס פאַר די סטרייקער. באָסטאָנער און פילאַדעלפיער קלאָוקמאַכער סעטלען זיך מיט 5 פּראָצענט פון זייערע שכירות. סקעבס פון די סאַכשיין קלאָוק קאָ. סטרייקען פאַר העכערע ווידזשעס.

* * *

דער סטרייק ביי פלאַשבערג און גלעקעל ווערט ענדליך געסעטעלט. אַלע פאָדערונגען פון די ארבייטער ווערען צוגעגעבען און די יוניאָן קריגט אַ פאַלשטענדיגען זיג.

לעצטער באריכט צום דזשאינט באארד, דרעס און וויסטמאכערס יוניאן

פון דזשולים האכמאן, מענעדזשער.

(פארטזעצונג)

די דרעס־אינדוסטריע, אין גאנצענטייל, האט זיך אנגעפאנגען צו אנטוויקלען אויף א גאנץ אנדערן שטייגער. אנשטאט דעם „מאנופעקטשורער" האט זיך באוויזען דער „דזשאבער", און די דרעסעס זיינען געמאכט געווארען פון קאנטראקטארס, וועלכע האבען פארמאגט קליינע שעפער און האבען באשעפטיגט א קליינע צאהל ארבייטער.

אין פארלויף פון דעם סטרייק האבען די דרעס קאנטראקטארס זיך ארגאניזירט אין דער „דרעס קאנטראקטינג אסס'ן, אינק." און האבען געשלאסען מיט דער יוניאן א קאלעקטיווען אפמאך, וועלכער איז לויט דעם שטאנדפונקט פון קאלעקטיווע אפמאכען, געווען פיל העכער און ווירקזאמער פון דעם קאלעקטיווען אפמאך מיט דער געוועזענער „וויסט און דרעס אסס'ן". די דזשאבערס, ווידער, האבען זיך ארגאניזירט אלס „די האלסייל דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן", און זיי זיינען צום ערשטען מאל אריינגעטראטען אין א קאלעקטיווען אפמאך מיט דער יוניאן.

עס איז געווען איינער פון די ביטערסטע קעמפע וואס אונזער יוניאן האט ווען עס איז דורכגעמאכט. עס זיינען פארגעקומען פילע ארעסטען, וועלכע האבען אפגעקאסט שווערע סומען געלד. אום צו געבען אייך א באגריף, ווי גרויס די אויסגאבען אויף דיזען סטרייק זיינען געווען, וועט זיין גענוג צו אנווייזען, אז די סומע האט אנגעטראפען $511,294.33. פון דעם קאן מען זעהן, אז דיזער סטרייק איז געווען דער קאסטבארסטער וואס אונזער יוניאן האט ווען עס איז אנגעפיהרט.

א גרויסע צאהל פון דיזע אויסגאבען זיינען געדעקט געווארען פון א 10 פראצ. אסעסמענט, וועלכער איז ארויפגעלייגט געווארען אויף די מיטגלידער וועלכע האבען זיך אומגעקעהרט זיגרייכע־צו דער ארבייט א קורצע צייט נאכדעם, ווי דער סטרייק איז ארויסגערופען געווארען. דאך, ניט אכטענדיג אויף דער ליבעראלער ביישטייערונג פון אונזערע זיגרייכע מיטגלידער איז אונזער יוניאן פארבליבען, נאכדעם ווי דער סטרייק האט זיך געענדיגט, א בעל־חוב פון פילע צעהנדליגע טויזענדע דאלארס.

ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס דיזער סטרייק איז אפיציעל געסעטעלט געווארען, איז די יוניאן געווען געצוואונגען אנצופיהרען א טאג־טעגליכען קאמף מיט דער וויסט און דרעס אסס'ן. ענדליך איז אונזער יוניאן מיד געווארען פון דיזער טאג־טעגליכער צאנקעריי מיט דער וויסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן און האט באשלאסען צו מאכען א סוף צו דיזען צושטאנד. דער קלימאקס איז געקומען אין דעם יאהר 1920, ווען אונזערע פארשטעהער, נעהמענדיג אין אכט דעם אויסערגעוועהנליכען יקרות אויף לעבענסמיטלען און אנדערע נויטיגע באדערפנישען, האבען געפאדערט פון דער אסס'ן א העכערונג אין ווייזשעס און אויך א רעוויזיע פון די אנגענומענע ווייזש־סקיילס. אלס ענטפער אויף אונזער גערעכטע פאדערונג האט די דרעס און וויסט אסס'ן זיך אנטזאגט צו אונטערהאנדלען מיט אונז וועגען דעם. די קלענערע קאנטראקטארס, וועלכע האבען אלע צוזאמענגענומען באשעפטיגט די גרעסטע צאהל ארבייטער פון דער דרעס־אינדוסטריע, האבען צוגעשטימט צו א רעוויזיע פון די עקזיסטירענדע ווייזש־סקיילס און זיי האבען, צוליב דיזען צוועק, אונטערגעשריבען א „סופלעמענטארי אגרימענט" מיט דער יוניאן. די דרעס און וויסט אסס'ן האט זיך אנטזאגט אנצונעהמען דיזען „סופלעמענטארי אגרימענט". די יוניאן, נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז די דרעס און וויסט אסס'ן איז א קליינער פאקטאר אין דער אינדוסטריע, האט באשלאסען ניט צו דערלאזען דיזער אסס'ן צו שטעהען די ווייטערע אויסבעסערונג פון די ארבייטס־באדינגונגען פון אונזערע מיטגלידער און זי האט זיך אנטזאגט פון צו האנדלען מיט דיזער אסס'ן קאלעקטיוו.

עס איז געווען א שווערער און ביטערער קאמף. נאך פילע מאנאטען פון „פרידליכען קאמף" איז דער סכסוך צווישען אונזער יוניאן מיט דער דרעס און וויסט אסס'ן געבראכט געווארען צו א שלום דערמיט, וואס מיר האבען אונטערגעשריבען א קאלעקטיווען אפמאך מיט דער נייער אסאסיאיישאן פון דרעס מאנופעקטשורערס, אינק. די יוניאן האט דאן פראקלאמירט אן אלגעמיינעם שטילשטאנד אין די שעפער און האט זיך פארנומען צו באקעמפען איינציגווייז די מיטגלידער פון דער דרעס און וויסט אסס'ן, וועלכע האבען זיך אנטזאגט אנצונעהמען אונזער אגרימענט. עס איז אונז געלונגען צו צווינגען א גרויסע צאהל פון זיי אונטערצושרייבען אונזער אגרימענט, ווערענד א קליינע צאהל זיינען פארבליבען פאר'עקשנ'ט און האבען געזוכט צו באקעמפען די יוניאן אין די קאורטס דורך אינדזשאנקשאנס.

אלס א רעזולטאט פון דיזען קאמף האבען מיר געהאט דעם כבוד און פארגעניגען בייצוואוווינען די לויה פון דער דרעס און וויסט אסס'ן, וועלכע האט אויפגעהערט צו עקזיסטירען און וועט זיך שוין מעהר קיינמאל ניט אומקעהרען אלס א פאקטאר אין דער אינדוסטריע.

ביז נאוועמבער 1919 איז אונזער יוניאן געווען געבויט און האט פונקציאנירט אויף די ברייטסטע אינדוסטריעלע יסודות.

מיט דער אויסנאם פון די קאטערס, האבען אלע ארבייטער — אהן אונטערשייד פון נאציאנאליטעט אדער פאך — באלאנגט צו איין לאקאל, לאקאל 25. דיזער לאקאל איז געווען דער לעגיסלאטיווער און עקזעקוטיווע יוניט פאר אלע, וואס ארבייטען אין די וויסט אדער דרעס אינדוסטריע אין ניו יארק. זיי זיינען נאר געווען צוטיילט אין ברענטשעס מיט געוויסע אויטאנאמע רעכט: די איטאליענישע ארבייטער באזונדער אין א ברענטש, די פרעסער דאס גלייכען א. אז. וו.

מיט דעם וואוקס פון דער יוניאן האבען די איטאליענישע ארבייטער אנגעהויבען טראכטען פון אפטיילען זיך אין א באזונדער לאקאל. זיי האבען געדענקט אז באזונדער וועלען זיי בעסער פונקציאנירען און וועלען ברענגען מעהר נוצען דער ארגאניזאציע. זיי אבען אפעלירט צו דער גענעראל עקזעקוטיוו פון דער אינטערנעשאנאל און זייער פארלאנג איז באוויליגט געווארען. זיי האבען געקראגען א טשארטער אלס לאקאל 89 איטאליענישע דרעס און וויסט מאכער.

ביי דער קאנווענשאן אין שיקאגא אין 1920 איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע צום איבערבויען די דרעס און וויסט מאכער יוניאן פון ניו יארק אין א דזשאינט באארד אויף די זעלבע ליניען ווי די קלאוקמאכער זיינען ארגאניזירט. די גענעראל עקזעקוטיווע איז אינסטרואירט געווארען דורכצופירען דיזען באשלוס אזוי שנעל ווי מעגליך.

ארום אויגוסט 1921 האט די גענעראל עקזעקוטיוו זיך גענומען דורכפיהרען דעם באשלוס פון דער קאנווענשאן. אלס אנפאנג אין דיזער ריכטונג איז לאקאל 25 ווידער צוטיילט געווארען. די דרעס מאכער זיינען געטשארטערט געווארען אונטער'ן נאמען „דרעסמאכער יוניאן פון ניו יארק און אומגעגענד, לאקאל 22". אין לאקאל 25 זיינען געבליבען נאר די וויסטמאכער און די פרעסער.

ביים ארגאניזירען די דזשאינט באארד האבען די פרעסערס געקריגען א פארטרעטערשאפט. כאטש זיי זיינען דאן געווען נאר א ברענטש פון לאקאל 25. זיי האבען אבער באלד גענומען פאדערען א באזונדער לאקאל און האבען עס אויך געקראגען? זיי זיינען געטשארטערט געווארען אלס לאקאל 60. אזוי איז צוטיילט געווארען לאקאל 25 אין 4 באזונדערע לאקאלען: 22, 25, 60 און 89.

אין דער דזשאינט באארד האבען זיך אויך אנגעשלאסען דער קאטערס לאקאל 10 און די עמבראידערי ארבייטער, לאקאל 66. און אזוי איז דער אריגינעלער לאקאל 25 טראנספארמירט געווארען אין די „דזשאינט באארד דרעס און וויסט מאכערס יוניאן", אקטאבער דעם 13טען, 1920.

די דזשאינט באארד האט געפילט, אז עס איז קיין מאל בעפאר און ספעציעל נאכדעם ארגאניזירען פון דער דזשאינט באארד ניט געווען קיין פלאץ פאר צוויי דרעסמאכער לאקאלען אין ניו יארק. מיר האבען דעריבער געשיקט קאמיטעס צו יעדען מיטינג פון דער גענעראל עקזעקוטיוו מיט דער פאדערונג צו שטעלען אלע דרעס־שעפער אונטער'ן קאנטראל פון דער דזשאינט באארד פון די דרעס און וויסט מאכער. כאטש קיינער האט ניט געקענט באשטרייטען די גערעכטיגקייט פון דיזער פאדערונג האט דאך די גענעראל עקזעקוטיוו — איבער איין אורזאכע אדער א צווייטע — קיין איין מאל ניט אנגענומען קיין גינסטיגען באשלוס און האט ניט געמאכט קיין פארזוך אפצושאפען דעם דואליזם אין דער דרעס מאכער יוניאן.

אין די פאלגענדע צוויי יאר זיינען מיר געקומען פנים אל פנים מיט נייע פראבלעמען. מיט דעם וואקסען פון דער דרעס אינדוסטרי, זיינען די גרויסע פאבריקען, וועלכע האבען באשעפטיגט הונדערטע ארבייטער, פאקטיש פארשוואונדען מיט זעהר ווייניגע אויסנאמען. אנשטאט דעם פאבריקאנט האט זיך אין די פראנט ארויסגערוקט דער דזשאבער.

כאטש מיר האבען געהאט אן אגרימענט מיט די דזשאבערס, וועלכעס האט אונז געגעבען געוויסע רעכטע און קאנטראל, זיינען אבער דורך דער צייט אויפגעקומען און רייך געווארען נייע דזשאבערס מיט וועלכע מיר האבען קיין אגרימענט ניט געהאט. די יוניאן דזשאבערס ווידער, האבען אנגעהויבען אפען פארגוואלטיגען דעם אגרימענט ארויסגעבענדיג ארבייט אין ניט יוניאן שעפער. מיר זיינען געצוואונגען געווען אויפצונעמען א קאמף מיט די דזשאבערס.

מיין פארבינדונג מיט דער דזשאינט באארד.

אלס אינדעפענדענט מענעדזשער פון אונזער דזשאינט באארד בין איך געווען אויך פאראנטווארטליך פאר די ארגאניזאציאנס ארבייט פון דער יוניאן. דורך דיזער צייט האב איך אנגעפירט א סעריע קאמפיינס וועלכע האבען געבראכט אונטער דעם קאנטראל פון דער יוניאן א גרויסע צאל אפענע שעפער.

מיט מיין איבערנעמען די פליכטען פון מענעדזשער אין דער דזשאינט באארד האב איך אויך געקראגן די דירעקטע אויפזיכט איבער'ן דזשאבערס דעפארטמענט.

אן אונטערזוכונג פון דער לאגע האט באוויזען, אז די דזשאבערס — סיי אינדעפענדענט. און סיי די מיטגלידער פון דער אסאסיאיישאן, פארגוואלטיגען דעם אגרימענט אהן שום ריקזיכט. די איינציגע פארפליכטונג פון די דזשאבערס צו דער יוניאן איז די פארפליכטונג ארויסצוגעבען ארבייט נאר אין יוניאן שעפער. די אונטערזוכונג האט באוויזען אז זיי גיבען ארויס ארבייט צו יוניאן און ניט־יוניאן־שעפער אהן אונטערשייד.

אין אונזער פארזוך אונטערצוזוכען די ביכער פון די דזשאבערס כדי פעסטצושטעלען די איבערטרעטונגען פון דעם אגרימענט האבען מיר באגעגענט פילע שוועריגקייטען. אדער דער דזשאבער האט זיך איינגאנצען אנטזאגט צו ווייזען די ביכער, אדער די ביכער זיינען געווען אזוי „געפיקסט" אז מען האט פון זיי גארניט געקענט דערגיין.

ווען מיר זיינען באשטאנען אויף אונזער רעכט נאכצוזוכען אין די ביכער די אלטע חשבונות אום צו פארגלייכען זיי מיט די „קאנטאס" און זעהן אויב זיי שטימען און די דזשאבערס האבען עס אנטזאגט צו טאן, ווי דער פאל איז געווען מיט דארפמאן און ווייזען, איז ניט געבליבען מער קיין צווייפעל, אז די פירמע האט ניט נאר געבראכען דעם אגרימענט, נאר אז זי האט אויך געפיקסט די ביכער אום צו באהאלטען דעם פארברעכען.

די סיטואציע איז געווארען קריטיש. עטוואס האט געמוזט געטאן ווערען אפצושטעלען דיזע צרה. דא איז געשטאנען אין קאן ניט נאר דער יוניאנס פרעסטיזש, איהר כח צו צווינגען די באלעבאטים נאכצוקומען זייערע פארפליכטונגען, נאר די הויפט געפאר איז באשטאנען אין דעם, וואס עס האט געגעבען די מעגליכקייט די ניט־יוניאן־שעפער זיך מעהרען און אנטוויקלען, שטעלענדיג אויף אזא אופן אין סכנה דער יוניאנס קאנטראל איבער די ארבייטס קאנדיציאנען אין די שעפער. מיר האבען דעריבער באשלאסען צו געבען א ווידערשטאנד.

די ערשטע פירמע פון וועלכער מיר האבען געפאדערט דין וחשבון איז געווען דארפמאן און ווייזען. דעם 4טען אויגוסט האבען מיר ערקלערט א סטרייק קעגן דיזער פירמע פאר ארויסגעבען ארבייט אין ניט יוניאן שעפער און אנטזאגען זיך צו ווייזען די ביכער.

מיר האבען אפגעשטעלט זייער ארבייט אין 60 קאנטראקטינג שעפער, וואס האבען באשעפטיגט ארום 900 ארבייטער. מיר האבען אנגעשטריינגט אלע כחות פון דער יוניאן ארונטערצונעמען אין סטרייק די ניט־יוניאן שעפער, וואס האבען געארבייט פאר דיזער פירמע. לאנגזאם אבער זיכער איז עס אונז געלונגען אפצושטעלען די פראדוקציאן פון קלייידער פאר דיזער פירמע, וועלכע רעכענט זיך פאר איינע פון די גרעסטע אין די ביליגערע ליין קליידער. נאך א סטרייק פון דריי וואכען איז דארפמאן און ווייזען געווען געצוואונגען צו סעטלען מיט דער יוניאן באצאלענדיג 1000 דאלאר שטראף און יוניאניזירענדיג אלע שעפער, וואס האבען פאר זיי געארבייט. דיזער סטרייק האט ארויסגערופען א גוואלדיגען אינטערעס צווישען די דזשאבערס און די טרייד־קרייזען אין אלגעמיין. די וועלכע האבען געהאט ארבייט אין ניט יוניאן שעפער האבען זיך אנגעהויבען שרעקען פאר די רעזולטאטען. זייער שרעק האט זיך נאך פארגרעסערט ווען די יוניאן האט ארויסגערופען אין סטרייק די שעפער, וואס האבען געארבייט פאר די „מאנארך דרעס קא." איינער פון די זיילען פון דער דזשאבערס אסאסיאיישאן.

דיזע פירמע האט כסדר באשעפטיגט ניט יוניאן שעפער. אויף א קאנפערענץ מיט דער דזשאבערס אסאסיאיישאן האט די יוניאן געווארענט אז זי וועט רופען א סטרייק קעגן דיזער פירמע, סיידען ווען די פראגע וועט צופרידענשטעלענד געשליכטעט ווערען. די פירמע האט זיך ענדליך אונטערגעגעבען, יוניאניזירט אלע זייערע שעפער און האט באצאלט צו דער יוניאן 1,500 דא. שטראף.

גלייך נאכדעם האבען נאכגעפאלגט סטרייקס געגען די פאלגענדע דזשאבערס:

ווייזען, קאהן און סמיט, א אינדעפענדענט דזשאבער, וואס האט באשעפטיגט 75 קאנטראקטארס. נאך א סטרייק וואס האט געדויערט 2 וואכען האט די פירמע באצאלט 1000 דא. שטראף און האט ארגאניזירט די ניט־יוניאן שעפער.

אללמאן—דזשעסעל. דיזע פירמע האט איינגאנצען איגנארירט דעם יוניאן אגרימענט און האט באשעפטיגט ניט־יוניאן שעפער אין שטאדט און אויסער'ן שטאדט. דיזע פירמע האט באצאלט 3000 דאלאר שטראף און האט יוניאניזירט די גרעסטע צאל ניט יוניאן שעפער.

נעט גאלדסטאן. דיזע פירמע האט אנגעהאלטען א ניט־יוניאן שאפ אויסער ניו יארק, טראץ די ווארנונגען פון דער יוניאן. נאך א סטרייק וואס האט געדויערט 1 טאג האט די פירמע באצאלט 500 דאלאר שטראף און אויפגעהערט צו באשעפטיגען די אנגעגעבענע שאפ.

סעמיועל סילווער (די דזשוס קא.) די פירמע איז געווען אריגינעל א קלאוקפירמע, דאך איז זי איינע פון די גרעסטע פאקטארען אין דער דרעס אינדוסטרי און באשעפטיגט ארום 80 קאנטראקטארס. דער סטרייק געגען דיזער פירמע איז געווען זעהר א קורצער, ווייל דער יוניאן איז געלונגען איינגאנצען אפצושטעלען דיזער פירמעס פראדוקציאן. די פירמע האט באצאלט 1500 שטראף און אלע ניט יוניאן שעפער זיינען יוניאניזירט געווארען.

שראדער און קא. דיזע פירמע האט ניט געוואלט אנערקענען די יוניאן. נאך א קורצען סטרייק האט די פירמע אונטערגעשריבען אן אגרימענט מיט דער יוניאן.

פעיר וויסט און דרעס קא. איינער פון די וויכטיגסטע ניט־יוניאן דזשאבערס, איז געווען געצוואונגען נאך א סטרייק צו אונטערשרייבען אן אגרימענט מיט דער יוניאן און אויפגעבען די ניט־יוניאן שעפער.

בידזשו דרעס קא. דיזע פירמע האט בשום אופן ניט געוואלט נאכקומען איהר אגרימענט מיט דער יוניאן און האט זיך אנטשידען אנטזאגט צו לאזען אונטערזוכען אירע ביכער. נאך א קורצען סטרייק איז די פירמע געצוואונגען געווען אונטערצוגעבען זיך און נאכצוקומען איהרע פארפליכטונגען צו דער יוניאן.

אין פארלויף פון די מאנאטען אויגוסט און סעפטעמבער, דורך דעם קאמפיין, וואס די יוניאן האט אנגעפירט געגען די דזשאבערס האט די יוניאן איינגעקאלעקטירט די סומע פון 8001.60 אלס שטראף פאר ניט נאכקומען דעם יוניאן אגרימענט.

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקולמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

דער שיקאגא'ער קאנפערענץ פאר די קליוולאנדער סטרייקער נעמט זיך ערנסט צו דער ארבייט, און אונזערע מיטגלידער זיינען זיכער צו קענען שאפען א בארייטענדע סומע געלט.

* * *

די דרייצענטע וואך פון קליוולאנדער סטרייק געפינט די ארבייטער אין דעם זעלבען מוט און קאמף גייסט ווי די ערשטע וואך פון סטרייק, די ארבייטער נעמען אן דעם פארשלאג פון דער „קליוולאנד פרעס" פאר ארביטרייישאן, די מאנופעקטשורערס קווענקלען זיך אבער.

* * *

ניו יארקער קלאוקמאכער מאכען גרויסע ארבייטונג צו פאראדירען אום „לייבאר דעי".

* * *

דער פילאדעלפיער דזשאינט באארד לאזט וויסען דורך דער פרעס, דאס זייער טרעזשורער דזש. ראזענטאל, א קאטער ביים טרייד און איז געווען באשעפטיגט ביי דער פירמע בעטעלעס און קאהען, איז פארשוואונדען געווארען מיטנעמענדיג מיט זיך אכציג דאלאר יוניאן געלד.

* * *

די ליידיס וויסט און דרעסמאכער יוניאן רופט א סטרייק ביי דער פירמע ליוויי און פינקעלבערג, 118 וועסט 27טע סט. אויסער וואס די פירמע באהאנדעלט די ארבייטער אויף דעם געמיינסטען אופן דארפען זיי צאהלען פאר נידעלס א. אז. וו.

* * *

די פירמע לאק דרעס קא., וועלכע איז פארטריבען געווארן פון בראנזוויל עפענט איין אנדער שאפ אין גלען פאלס, די יוניאן ערוועהלט א קאמיטע צו פיקעטען דארטען דעם שאפ און איז ענטשלאסען דיזע פירמע צו געבען א לעקאן.

די וואך

פון מאקס ד. דעניש

די דייטשע האפנונגען ווערען שוואכער.

נאך א וואך פון אויפרעגונג און ענדערונג, זיינען די אויסזיכטען אין דייטשלאנד געווארען טרויעריגער און פינסטערער ווי ווען עס איז פריהער.

ביז מיט עטליכע טעג צוריק האט עס אויסגעזעהן, אז דייטשלאנד שטעהט אויפ'ן שוועל פון א נייער עפאכע. די נייע סטרעסעמאן-רעגירונג האט זיך ערקלעהרט וויליג דורכצופיהרען דעם ווערסאלער פריעדענס-אפמאך, כדי צו-צונעהמען ביי פואנקארע'ן אירגענד וועלכע אורזאכע ווייטער צו בלייבען אין דעם אקופירטען רוהר-געגענד. דאן האט די נייע רעגירונג גלייך אנגענומען א פראיעקט פון א געצוואונגענער אנלייהע כדי צו סטאביליזירען דעם מארק דורך א טעקס אויף די רייכע. דער נייער רייכס-קאנצלער, סטרעסעמאן, האט געהאלטען א רעדע פאר דער אסאציאציע פון דייטשע האנדעלס-קאמערען, אין וועלכער ער האט פארטיידיגט די ביידע נייע פלענער — די געצוואונגענע אנלייהע און א פארשטענדיגונג מיט פרעמיער פואנקארע.

פאר א ווײלע האט עס אויסגעזעהן, אז אויב פואנקארע וויל טאקע נים צופיצלען דייטשלאנד, נאר ער וויל קריגען „רעפערייישאנס", וועט ער דאס קענען ענדליך באקומען דורך שטיצען די נייע דייטשע רעגירונג. אבער דאס איז נאר געווען א האפנונג אויף א ווײלע. אין זיין רעדע פון לעצטען זונטאג האט פואנקארע זיך ווידער צולאזען מיט זיין „צאהל ערשט מיר טרעטען נים אפ!", האט געדראט און געדראט, האט אבער נים געגעבען דעם קלענסטען סימן, אז ער איז גרייט אנצונעהמען סטרעסעמאן'ס פארשלאג; ער האט דעם דאזיגען פארשלאג פשוט איגנארירט. פואנקארע'ס פרישער אויסברוך פון שווערד-פאכעריי האט ווידער אריינגעווארפען דייטשלאנד אין פארצווייפלונג און דער מארק איז נאך מעהר אין אפגרונד געפאלען — 7,000,000 צום דאלאר.

עס פרעגט זיך: איז עפעס פאראן א רפואה, וואס זאל ראטעווען אייראפא פון דער קאטאסטראפע, צו וועלכער זי געהט? קאנגרעסמאן בערגער, וועלכער איז יעצט צוריקגעקומען פון אייראפא פון א פינף-מאנאטליכער רייזע, שלאגט פאר, אז אמעריקא זאל לייהען צו דייטשלאנד עסענווארג און רויהע מאטעריאלען פאר א ביליאן דאלאר, וואס זאל באצאהלט ווערען אין 15 יאהר צייט און וואס זאל פארזיכערט ווערען דורך דעם אינדוסטריעלען רייכטום פון דייטשלאנד. ניט נאר וואלט אזא אנלייהע פארמירט דייטשלאנד'ס פאלשטענדיגען באנקראט, נאר זי וואלט אויך א סך געהאלפען די אמעריקאנער פארמער און די אמעריקאנער אינדוסטריען, וועלכע נויטיגען זיך שטארק אין א מארק פאר זייערע פראדוקטען און מאטעריאלען. אזא אנלייהע וואלט סטאביליזירט דעם מארק און וואלט דייטשלאנד אויך געגעבען די געלעגענהייט אנצוהויבען אפצאהלען איהרע חובות.

דער קאמף פאר ענדליכער אמניסטיע

די פראגע פון דער ענדליכער באפרייאונג פון די פאליטישע ארעסטאנטען, וואס שמאכטען נאך אין די אמעריקאנער דזשיילס, איז היינטיגע וואך ווי'דער ארויסגעשטופט געווארען אויף דער טאגעס-ארדנונג.

יונייטעד סטייטס סענאטאר פעפער, א באריהמטער לאיער און א באוואוסטער פריינד פון די „פאליטישע", האט יעצט פארעפענטליכט דעם רעפארט פון זיין אונטערזוכונג פון 34 פאליטישע ארעסטאנטען, וואס געפינען זיך נאך אין די דזשיילס, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אויך די 22 סאקראמענטא א. וו. וו. לייט. ער רעקאמענדירט אין זיין גרינדליכען רעפארט, אז אלע ארעסטאנטען זאלען באפרייט ווערען. אין זיין שלוס-ווארט צו זיין רעפארט זאגט סענאטאר פעפער: „לויט מיין מיינונג, דארף יעדער איינער פון די ארעסטאנטען באגנאדיגט ווערען. די באטרעפענדע דארפען ערשט באפרייט ווערען ערשט נים. אהן שום דריידלאך, אהן שום באדינגונגען, אהן שום „אויב'ס" און „אבער'ס"." די אנהענגער פון דער אמנעסטיע-באוועגונג לעגען גרויסע האפנונגען אויף סענאטאר פעפער'ס רעפארט. אויך לעצטען יאהר האט סענאטאר פעפער געמאכט אן אונטערזוכונג פון די פאליטישע פארארטיילטע אין די שיקאגא'ר פראצעסען פון 1919, אונטער דעם „עספיאנאדזש-אקט", און כמעט אלע זיינע רעקאמענדאציאנען זיינען אנגענומען געווארען.

דער אמעריקען לידזשיאן, וועלכער שטעהט בידוע פאר הונדערט פראצענטיגען אמעריקאניזם, האט זיך שוין דערשראקען טאמער וועט סענאטאר פעפער'ס רעפארט האבען די געהעריגע ווירקונג, און האט שוין אנגעפאנגען א קאמפיין געגען דער באפרייאונג פון די פאליטישע ארעסטאנטען. זי טוט דאס דורך איהרע אנגעשטעלטע „פובליסיטי-אגענטען", מיט דער הילף פון דער רעאקציאנערער פרעסע. די פראפאגאנדע, וואס ווערט אנגעפיהרט פון די באאמטע פון אמעריקען לידזשיאן איז איבערהויפט געריכטעט געגען אונבאדינגטער באגנאדיגונג פון די פאליטישע. זי „פראטעסטירט העפטיג" געגען אירגענד וועלכער באגנאדיגונג פון די פאליטישע אהן א פארשפרעכען פון די לעצטע זיך צו „ביהייווען" אין דער צוקונפט.

לעצטע וואך האבען מיר געהאט נאך א באווייז, וואס פאר א גערעכטיגקייט די 22 פאראורטיילטע אין סאקראמענטא, קאל., האבען באקומען בעת זייער פראצעס. דאס איז געווען די ענטשיידונג פון קאליפארניער געזעץ און ארדנונגס-היטער, אז מ'דארף נארניט פראצעסירען קיין א. וו. וו. מאן, אז א אנגעהעריגקייטס-קארד צו די א. וו. וו. איז שוין גענוג כדי איינעם אריינצוזעצען אין פריזאן. א סופרים קורט דזשאדזש פון דערזעלבער געזעץ-ליבענדער סאקראמענטא האט ארויסגעגעבען א שטענדיגען אינדזשאנקשאן, אין וועלכען דער דאזיגער פרינציפ פון „גערעכטיגקייט" ווערט פראקלאמירט. און לויט וועלכען יעדער א. וו. וו. ווערט באטראכט אין „קאנטעמפט אוו קארט" און דארף זיצען 30 טעג אין דזשייל אהן א פראצעס.

א „נייע" ארבייטער-פאליסי אין איטאליען

עס איז, נאטירליך, שווער זיך צו שאפען א מיינונג איבער דעם, וואס עס קומט פאר אויף דעם איצטיגען צוזאמענפאהר פון דער איטאליענישער פעדעראציע פון ארבייט, וואס ווערט אפגעהאלטען אין מילאן, איטאליען. אלע באריכטען, וואס מיר באקומען פון דארטען, זיינען אהן ספק שטארק צענזורירט, און עס איז שווער אין דעם מאמענט צו וויסען וואס דארט קומט אין אמת'ן פאר. פונדעסטוועגען פיהלט מען פון די באריכטען, אז די פאשיסטישע „מגפה" האט נים נאר באוויזען צו צוברעכען די איטאליענישע ארבייטער-באוועגונג קערפערליך, נאר אז זי האט אויך באוויזען זי צו פארוואונדען מאראליש.

מיט צוויי יאהר צוריק האט די איטאליענישע פעדעראציע פון ארבייט געצעהלט צוויי מיליאן מיטגלידער — אן איבערגעבענע, גוט-דיסציפלינירטע און קלאסען-באוואוסטע ארבייטער-ארמעע, וועלכע איז געווען פארטראטען אין פארלאמענט דורך איבער הונדערט פופציג דעפוטאטען. איצט האט די פעדעראציע וועניגער ווי א פערטעל מיליאן מיטגלידער. דערצו האט איצט די קאנווענשאן פון דער פעדעראציע מיט א גרויסער מאיאריטעט אנגענומען א רעזאלוציאן „צוזאמענצוארבייטען" מיט מוסאליני'ן און מיט זיינע פאשיסטען. דאס מיינט, אז די פעדעראציע גיט אויף אלע איהרע בידאיצטיגע פרינציפען און גיט א פרייע האנד איהר פרעזידענט ד'אראגאנא, צו שטיצען מוסאליני'ן אויב ער וועט עס געפינען פאר נויטיג.

דאס וואס דער צוזאמענפאהר האט אנגענומען אזא באשלוס איז א סימן פון דער געפאלענקייט פון דער איטאליענישער ארבייטער-באוועגונג, וועלכע איז ביז נים לאנג צוריק געווען אזוי מעכטיג. קיין וואונדער וואס די באלעבאטישע פרעסע פון איטאליען ערקלערט דאס אלס מוסאליני'ס גרעסטער זיג. עס בלייבט נאר צו זעהן אויף ווי ווייט דער מילאנער צוזאמענפאהר פארטרעט דאס וואס עס איז געבליבען פון דער איטאליענישער ארבייטער-באוועגונג. עס איז ווערט צו באמערקען, אז אויף דעם דאזיגען קאנגרעס האט זיך נים געפונען קיין איין-איינציגער דעלעגאט פון פלארענס און לעגהארן. זיי האבען זיך ענטזאגט אנטייל צו נעהמען אין א קאנגרעס, וועלכער איז געבונדענערהייד איבערגעגעבען געווארען צו מוסאליני'ן.

אן „אייזערנע האנד" אין גריכענלאנד

אזוי ווי די אויפמערקזאמקייט פון דער וועלט איז געריכטעט אויף דעם קאמף צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך, האט מען כמעט נים באמערקט די גוואלד-טאט, וואס איז היינטיגע וואך פארענדיגט געווארען געגען די גריכישע ארבייטער.

די וועלט-מלחמה, איהרע מלחמות געגען טערקיי אויף ענגלאנד'ס וואונש האט שרעקליך פארארימט גריכענלאנד און האט די גריכישע ארבייטער געבראכט צו א צושטאנד פון פארצווייפלונג. די גריכישע ארבייטער זיינען מיט א פאר וואכען צוריק ארויסגעגאנגען אין א גענעראל סטרייק, כדי צו פארזיכערען זיך זאגאר אן ארימע עקזיסטענץ. דער סטרייק איז געווען זעהר ערפאלגרייך, און האט פאראליזירט גאנץ גריכענלאנד.

פאר א ווײלע האט עס אויסגעזעהן, אז די גריכישע ארבייטער וועלען זייער ציל דערגרייכען און וועלען צווינגען די רייכע קלאסען פון לאנד זיי נאכצוגעבען.

גריכענלאנד האט אבער א „רעוואלוציאנערע" רעגירונג, — א מיליטערישע קליקע, וועלכע רעגירט מיט א שטארקער ערעם ברוטאל און קימערט זיך גאנץ וועניג וועגען די קאנסטיטוציאנעלע פרייהייטען פון דעם אומגליקליכען לאנד. גלייך פון אנפאנג פון סטרייק האט קאלאנעל פלאסטיראס, דער גריכישער מיליטערישער דיקטאטאר, מיט דער גאנצער מאכט פון זיין מיליטערישער קליקע זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די בעלי-בתים, און אין פארלויף פון צעהן טעג האט ער דעם סטרייק פאלשטענדיג געבראכען, און די ארבייטער זיינען געצוואונגען געווארען זיך אונטערצוגעבען אהן שום באדינגונגען.

איינער פון די מיטלען, וואס די רעגירונג האט אנגעווענדעט געגען די סטרייקער, איז, וואס זי האט אינגאנצען פארוועהרט די טרייד-יוניאנס. אלע יוניאן-אפיסעס זיינען באפאלען געווארען, זייער מעבעל און ארכיוועס זיינען פארנומען געווארען און זייער געלד אין באנקען איז קאנפיסקירט געווארען; דאן זיינען די אפיסעס פון די יוניאנס פארוואנדעלט געווארען אין קאזארמעס ארער אין היימען פאר פליכטלינגע.

איצט ווערט פלאסטיראס מיט ליבע אנגערופען „דער שטארקער מאן פון גריכענלאנד", און אלס „דער ענטשלאסענער סאלדאט". גאט אליין ווייס וויפיל ליבע אמעריקאנער האבען זיך באגאסען מיט סלינע לייענענדיג די וואונדערבארע מעשים פון דעם דאזיגען „שטארקען מאן פון גריכענלאנד". ווער ווייס וויפיל הונדערט פראצענטיגע אמעריקאנער הערצער ערגערען זיך דערפון, וואס מיר האבען נים די זכיה אויך צו האבען אזא דיקטאטאר מיט „סאלדאטסקער ענטשלאסענהייט" צו העלפען שליכטען אונזערע איינענע ארבייטער-סכסוכים!

ביי די סעמפעל-מאכער און קלאוקס-שניידער לאקאל 3

דער רעפארט פון אונזער לאקאל אין דער „גערעכטיגקייט" פון פאר צוויי וואכען האט געהאט א זעהר גוטע ווירקונג אויף אונזערע מעמבערס. פאר די לעצטע צוויי וואכען האבען מיר פילע קאמפליינטס באקומען פון אונזערע סעמפעל-מאכער. אלע קאמפליינטס זיינען פון איין כאראקטער — נים גלייכע צוטיילונג פון ארבייט פאר די סעמפעל מאכער.

מיר קאנען זאגען מיט דער גרעסטער צופרידענהייט, דאס אלע קאמפליינטס זיינען מיט דער בעסטער פינקטליכקייט אטענדעט געווארען פון דעם אפיס, און אלע סעמפעל-מאכער זיינען רעאינסטייטעד געווארען צו דער צופרידענהייט אי פון דעם סעמפעל-מאכער און אי פון אונזער לאקאל.

צו דער געלעגענהייט וויל איך אויפמערקזאם מאכען די סעמפעל-מאכער, וועלכע ווערען ארונטערגעשיקט פון זייערע פלעצער, ווען דער דעזיינער פון דעם שאפ ווערט אוועקגעשיקט, דאס אויך זיי האבען א רעכט צו קאמפליינען, און וועלען זיכער רעאינסטייטעט ווערען. מיר האבען שוין אויך געהאט אזעלכע פאלען, און די בעלי מלאכות זיינען פארבליבען ארבייטען מיט נייע דעזיינערס.

געדענקט, סעמפעל-מאכער, דאס די יוניאן נעהמט די שטעלונג, דאס איהר ארבייט נים פאר דעם דעזיינער, נאר פאר דעם בעל הבית.

דער לעצטער לאקאל-מיטינג איז אויך געווען בעסער באזוכט ווי געוועהנליך, א דאנק דעם לעצטען באריכט אין דער „גערעכטיגקייט". אלע אנוועזענדע האבען זיך פאראינטערעסירט מיט דער סעמפעל-מאכער-פראגע און האבען געוואלט הערען וואס מיר האבען צו זאגען איבער דעם. די פראגע איז בריים ארומגערעדט געווארען, און די צווייטע פראגע וואס דער לאקאל מיטינג האט אויפגענומען, איז געווען די קליינע צאל מיטגלידער, וואס קומען צו אונזערע לאקאל-מיטינגען.

פאר די לעצטע פאר חדשים שיקען מיר ארוים עטליכע הונדערט בריף צו אונזערע מיטגלידער, זיי זאלען קומען צו די לאקאל מיטינגען. דער אברוף איז אבער נים א צו גרויסער. מיר ווילען א פיל גרעסערע צאל מיטגלידער צו די מיטינגען. דער לאקאל-מיטינג האט די פראגע גענוי ארומגערעדט, און רעקאמענדירט די פראגע צו די עקזעקוטיוו באארד פון אונזער לאקאל, אום צו זעהן, וואס מען קען טאן.

די פראגע איז איבערגעגאנגען צו די ארגאניזיישאן קאמיטע, און זי האט באשלאסען דאס מיר זאלען פארגרעסערען די צאל בריף וואס מיר שיקען ארוים פאר יעדען מיטינג צו אונזערע מיטגלידער, אפשר וועט דאס ברענגען מעהר מיטגלידער צו די מיטינגען. אויב מיר האבען א געוויסע צאל מיטגלידער פון אזוי פיל און אזוי פיל בריף, איז וואס מעהר בריף מיר וועלען ארויסשיקען, וועלען זיך אלץ מעהר אברופען. די קאמיטע רעכנט, אז דאס איז א ווירקזאמער מיטעל, בעסער ווי יעדער אדווערטייזמענט, וועלכער ווערט פארשוואומען אין די טעגליכע ציימונגען, און צו דעם קאסט עס נאך גענוג טייער.

די ארגאניזיישאן-קאמיטע האט אויך באשלאסען דאס יעדער מיטגליד וועט ווערען גערופען צו פאראנטווארטליכקייט, ווען ער וועט קריגען א בריף צו א מיטינג און וועט נים קומען.

דעם ערשטען סעפטעמבער וועלען מיר האבען א לאקאל מיטינג, און יעדער איינער וואס וועט קריגען א בריף צו דעם מיטינג איז געבעטען צו קומען. דער מיטינג וועט אבגעהאלטען ווערען אין אונזער אפיס איינס אזייגער נאך מיטאג.

א דזשענעראל מעמבער מיטינג וועט אויך אבגעהאלטען ווערען אין דער נאכהענטער צוקונפט. דער צוועק פון דיזען מיטינג וועט זיין, אבצוגעבען א פולען באריכט פון א יאהר טעטיגקייט אין אונזער לאקאל, ווי אויך א פולען פינאנציעלען באריכט פון אונזער לאקאל און פון דעם קראנקען פאנד. אין מיין נעקסטען באריכט וועל איך לאזען וויסען פאר וועלכען טאג דער דזשענעראל מעמבער מיטינג וועט גערופען ווערען.

צוליב דעם זעהר שלעכטען סיזאן היינטיגען יאהר וואס אונזערע קלאוקמאכער האבען, האט אונזער עקזעקוטיוו באארד גוטגעהייסען די רעקאמענדיישאן פון די ארגאניזיישאן קאמיטע, דאס אונזערע שניידערס זאלען נים ארבייטען קיין איבערציים, ווען אלע מאשינען זיינען נים פארנומען.

מיר פאדערען אויף אלע טשערלייט פון די אויסשליסליכע שניידער שעפער נים צו דערלאזען דאס איבערציים זאל געארבייט ווערען, ווען אזוי פיל פון אונזערע מיטגלידער געהן ארום אהן ארבייט, זעהט דאס די מאשינען זאלען זיין פארנומען מיט אונזערע ארבייטסלאזע שניידער בעפאר איהר פאנגט אן ארבייטען איבערציים.

מיר פאדערען אויך אויף אלע מיטגלידער פון אונזער לאקאל, וואס האבען ארבייט, זאלען קומען אין אפיס באצאלען זייערע דיוס און טשענדזשען זייערע יוניאן-ביכלאך. דער קאליר פון די איצטיגע ביכלאך איז גרין. טשערלייט פון די דאזיגע שעפער, נעהמט דאס אין אכט, זעהט דאס די ארבייטער אין אייער שאפ זיינען גוט-שטעהענדיג אין זייערע דיוס, און זעהט אויך דאס זיי זאלען האבען די גרינע ביכלאך.

ד. רובין, עקטינג סעקרעטאר.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. V. No. 35. — New York, Friday, August 31, 1923.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y. under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

(פארטזעצונג)

מענעדזשער'ס באריכטען.

ברודער סלוצקי באריכטעט, אז ער האט א פירמע אין זיין דיסטריקט מיט'ן נאמען „הורוויץ און העדריק". די פירמע באשעפטיגט צוויי דרעיינערס, איינער א מעמבער פון לאקאל 45, דער אנדערע א מעמבער פון דער „מוטשועל דרעיי־נערס אסאסיאיישאן", אן ארגאניזאציע, וועלכע איז אן אפאזיציע צו לאקאל 45. דער דרעיינער איז אויפגעפאדערט געווא־רען עטליכע מאל צו ווערען א מעמבער פון דער דרעיינערס יוניאן, אבער ער האט זיך אלע מאל ענטזאגט.

ברודער סלוצקי וויל וויסען, וואס פאר א שטעלונג זיין אפיס זאל נעמען אין דער קייס.

עס ווערט באשלאסען, אז דער אפיס זאל צווינגען דעם דרעיינער צו ווערען א מעמבער פון דער יוניאן, אויב ניט, וועט ער מוזען פארלאזען דעם פלאץ.

ברודער סלוצקי באריכטעט, אז דער פינישער פון דער פירמע „שטיינבערג און לינדען", וועלכער איז ארונטערגע־שיקט געווארען, איז צוריק ריאינסטיי־טעט געווארען. א סטרייק געגען דער פירמע איז דעריבער פארמידען געווא־רען.

ברודע סלוצקי באריכטעט אויך, אז דער סטרייק געגען „סטיינבערג בראַ־דערס", האלט נאך אן. ביז איצט האט שוין דער אפיס אפגעסטאפט א גרויסע צאהל ארבייטער. דער אפיס מאכט אויך א פארזוך אפצוסטאפען די אנ־דערע אר־בייטער, וועלכע זיינען דארטען פארבלי־בען ארבייטען.

וועגען דעם שאפ פון „אהרן ליוויי", פון 122 וועסט 26טע סטריט, וועלכער האט פריהער מאנופעקטשורעט קינדער דרעסעס, און וועלכער ארבייט איצט אויף קלאוקס אונטער דעם קאנטראל פון לאקאל 50, האט ברודער סלוצקי דאס פאלגענדע צו זאגען:

די באדינגונגען אין דעם שאפ זיינען ווייט פון די באדינגונגען אין די קלאוק שעפער, און זינט דאס איז א גרויסער שאפ, נאטירליך, זיינען זיי קאנקורענטען צו אנדערע שעפער, וועלכע מאנופעק־טשורען די זעלבע קלאוקס. ברודער סלוצקי באריכטעט, אז ער האט אויפ־גענומען די פראגע מיט ברודער גרינ־בערג, מענעדזשער פון לאקאל 50, כדי צו האבען דעם שאפ קאנטראלירט פון דעם דזשאינט באארד, אבער ברודער גרינבערג האט זיך ענטזאגט, באהויפ־טענדיג, אז יי האבען אן אגרימענט מיט דער פירמע, וועלכער געהט אויס אין יאנואר, 1924, און אז ביז דאמאלט וועט זיין אפיס קאנטראלירען דעם שאפ.

די באארד אף דירעקטארס באשליסט צו פארלאנגען פון לאקאל 50 צו טראנס־פערירען דעם שאפ אזוי שנעל ווי מעג־ליך, ווייל לאקאל 50 קען ניט האבען קיין יורידיקשאן איבער אזעלכע פלע־צער, וועלכע מאנופעקטשורען קלאוקס.

ברודער שוסטער באריכטעט דאס פאלגענדע:—

אראנסאן און קאפלאן: — איינער פון דער פירמע האט געארבייט אויפ'ן בייסטינג מאשין און די פינישערס זיי־נען ארומגעגאנגען ליידיג. דער אפיס האט פארלאנגט פון דער פירמע דאס צו סטאפען, אבער זי האט זיך פון דעם ענטזאגט. דער אפיס האט דעריבער גע־סטאפט דעם שאפ און נאך א סטרייק פון עטליכע טעג, האט די פירמע צו־געשטימט צו באצאהלען די פינישערס פאר אלע גארמענטס, וועלכע זיינען גע־בייסט געווארען פון דער פירמע און די פירמע האט אויך צוגעשטימט ניט צו אפערירען די בייסטינג מאשין ביז די פינישערס וועלען האבען גענוג ארבייט.

סערוויס קלאוק קאמפאני: — די פירמע האט ניט גוט־געמאכט אן אר־ווענט טשעק פאר ווידזשעס פאר צוויי אפעריטארס. דער שאפ איז אפגע־סטאפט געווארען און נאך א סטאפעדזש פון צוויי טעג, האט די פירמע באַ־צאהלט די ארבייטער 150 דאלאר.

ראנאווין און קאפלאן: — דער שאפ איז ערקלערט געווארען אין סטרייק נאך דעם ווי די פירמע האט באצאהלט בלויז 25 דאלאר א וואך צו פינישערס און באַ־שעפטיגט עטליכע אפערייטארס פון שטיק. נאך א סטרייק פון דריי טעג איז פאר־שטאנען געווארען, אז די פינישערס זא־לען קריגען בעק־פעי און זיי זאלען אויך קריגען דעם סקייל. די צוויי אפעריי־טארס, וועלכע זיינען ענגיידזשט געווארען פון שטיק, דארפען פארלאזען דעם פלאץ און צוויי אנ־דערע דארפען ארויפגעשיקט ווערען דורכ'ן אפיס.

דזש. מ. מארגאליס: — די פירמע האט ענגיידזשט פיר אפערייטארס און נאך עטליכע שטונדען ארבייט זיינען זיי אוועקגעשיקט געווארען און די פיר־מע האט זיך ענטזאגט זיי צו באצאהלען, ווייל די עטליכע גארמענטס, וועלכע זיי האבען געמאכט זיינען איבערגעפיקסט געווארען פון אנ־דערע ארבייטער אין שאפ. דער שאפ איז געסטאפט געווארען און נאך א סטאפעדזש פון עטליכע שטונדען, האט די פירמע צוגעשטימט צו באצאהלען די פיער אפערייטארס פאר די עטליכע שטונדען 30 דאלאר.

בערקאוויץ און קריימער: — די פיר־מע האט זיך ענטזאגט צו ציינען איהרע ביכער צו דעם אקאונטענט פון דער יו־ניאן. אזוי ווי דער אפיס פארדעכטיגט זיי צו זיין אין א קארפאריישאן, האט דער אפיס געסטאפט דעם שאפ און איהם ערקלערט אין סטרייק.

מאררים ליוויי: — אלע סטרייקער האבען פארלאזען דעם שאפ און עס איז קיינער ניט פארבליבען צו פיקעטען דעם שאפ. די פירמע איז איצט גרייט צו סעטלען אלס א דזשאבער, אויב די יו־ניאן וועט איהר ערלויבען צו באשעפטי־גען א קאטער. ברודער שוסטער פאר־לאנגט צו הערען א מיינונג פון דער באארד אוו דירעקטארס, וואס זאל זיין די שטעלונג פון דעם אפיס.

די באארד באשליסט אנצוהאלטען דעם סטרייק געגען דער פירמע.

ברודער פערלמוטער אינפארמירט אז געגען דעם שאפ פון אראנאוויץ און סטערן איז ערקלעהרט געווארען א סטרייק, נאך דעם ווי די פירמע האט ארונטערגעשיקט דעם אפערייטאר וואַ־סערמאן, וועלכער האט דארטען אפגע־ארבייט דריי טעג. ווען דער ביזנעס איי־דזשענט האט אונטערזוכט די קייס, האט ער אויסגעפונען, אז די ארבייט איז גוט און אז עס איז ניט געווען קיין אורזאכע איהם ארונטערצושיקען. נאכדעם ווי די לייטע זיינען אפגעסטאפט געווארען פאר איין טאג, איז דער אפערייטאר ריאינ־סטייט געווארען צו דער ארבייט.

דינגענטאל און געלער: די פירמע איז פריהער געווען אויף 10 וועסט 18טע סטריט. אין מאנאט מאי האט די פירמע ערקלערט, אז זי גיט אויף די ביזנעס, און דערפאר זאלען זיך די ארבייטער זו־כען אנדערע פלעצער. אנפאנג דזשון האט די פירמע געעפענט א שאפ אין 36 איסט 10טע טסריט און האט וועגען דעם נעלאזען וויסען אלע ארבייטער מיט דער אויסנאמע פון א. בלאק און א. לע־ווין, וועמען די פירמע האט ניט געוואלט האבען צו דער ארבייט. די צוויי אפע־רייטארס האבען זיך דערוואוסט, אז די פירמע האט געעפענט א שאפ אין דער צעהנטער סטריט און זיי האבען פער־לאנגט, אז מען זאל זיי אוועקזעצען צו דער ארבייט. נאכדעם ווי די פירמע האט זיך ענטזאגט זיי צו ריאינסטייטען, איז א סטרייק געגען דער פירמע ער־קלערט געווארען. נאך א סטרייק פון עטליכע טעג זיינען די אפערייטארס רי־אינסטייטעט געווארען.

עקליפס קלאוק קאמפאני: — די פירמע האט באשעפטיגט עקזאמינער מ. ווינער פאר 7 וואכען צייט. די פירמע האט איהם אפגעזאגט פון דער ארבייט, ערקלערענדיג, אז זי האט ניט קיין אר־בייט פאר זיינטוועגען. אין מאנאט אפריל איז די קייס אויפגענומען געווא־רען צוזאמען מיט ברודער אשפיז און עס איז עטאבלירט געווארען, אז עס איז טאקע ניט דא קיין ארבייט אין שאפ פאר דעם עקזאמינער. דריי מאנאטען שפעטער איז דער עקזאמינער געקומען אין אפיס און פארלאנגט דעם דזשאב. די פירמע, אבער האט זיך ענטזאגט איהם צו ריאינסטייטען, באהויפטענדיג, אז אזוי ווי דער עקזאמינער איז געווען אוועק פון דעם שאפ פאר א לענגערע צייט, קען מען זיי ניט צווינגען איהם צוריק צו נעמען צו דער ארבייט. נאך דעם ווי דער שאפ איז ערקלערט געווא־רען אין סטרייק, איז דער ברודער רי־אינסטייטעט געווארען.

סאמועל רייך: — די פירמע איז פריהער געווען אין 52 איסט 9טע סט. ענדע דזשון האט די פירמע אויפגעגעבען די ביזנעס און צוריקגעקראגען איהר סעקיורימי. עטליכע וואכען שפעטער, האט מר. רייך געעפענט א נייעם שאפ אין 74 יוניווערסיטי פלייס און ער האט זיך ענטזאגט צוריק צו נעמען דעם אל־טען סעט מיט דער אויסנאמע פון צוויי אפעריטארס. א סטרייק געגען דער פיר־מע איז ערקלערט געווארען, און נאך 4 טעג סטרייקען, האט די פירמע צוגע־שטימט צוריקצונעמען דעם גאנצען סעט און אויך נעגעבען סעקיוריטי דער יוניאן.

ברודער פערלמוטער'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

ברודער פינקאפסקי באריכטעט וועגען דעם ברוקלין אפיס. ער ערקלערט, אז די וועידזשעס פון די ארבייטער פון פארט־פאליא און העגרי ראזענצווייג זיינען גע־העכערט געווארען דעם סיזאן. דער אפיס געהט אן מיט די רעגולערע ארבייט, אטענדעט קאמפליינטס און מאכט סעט־לעמענטס מיט שעפער. ער באריכטעט אויך, אז פאר די נעקסטע עטליכע וואַ־כען וועט זיין אפיס מוזען זיין זעהר טעטיג אין דער ארגאניזירונגס ארבייט.

ברודער פינקאפסקי'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

ברודער וואנדער באריכטעט, אז זיין אפיס אטענדעט צו אלערליי קאמפ־ליינטס: — ס. און ס. קלאוק קאמפאני, א דזשאבער: — זיין אפיס האט אויס־געפונען, אז די פירמע שיקט ארבייט צו א נאן־יוניאן שאפ, ראבינאוויטש. דער אפיס האט געצוואונגען דעם דזשאבער צוריקצוברענגען די ארבייט.

ער באריכטעט אויך, אז א סאב־קאנטראקטאר מיט'ן נאמען דזש. דענן, אין ברוקלין, איז א נאן־יוניאן שאפ. דער אפיס איז אינפארמירט געווארען, אז דער שאפ ארבייט פאר ראטשטיין און נעלסאן. ווען פארשטעהער האבען אונ־טערזוכט די קייס, האבען זיי געטראפען אין דעם שאפ פארשטעהער פון קיצינ־גער און בלומבערג, ווי אויך ראטשטיין און נעלסאן. די פירמעס זיינען געאר־דענט געווארען צוריקצונעמען זייערע ווארעס.

דער אפיס וועט איצט אויפנעמען די פראגע פון דעמעדזשעס מיט דער אסאסיאיישאן.

דער אפיס האט פרובירט צו אונ־טערזוכען די ביכער פון דער פירמע ראַ־יעל קאוט האוס, א דזשאבער און א מעמבער פון דער מוירטשענטס אסאסי־איישאן. אזוי ווי די פירמע האט זיך ענטזאגט צו געבען די ביכער, האט דער אפיס געאר־ערט אפצוסטאפען אלע איה־רע שעפער. נאך דעם אררער, האט די ראיעל קאוט האוס געשטימט צו גע־בען די ביכער.

ברודער וואנדער באריכטעט אויך, אז זיין אפיס אונטערזוכט איצט די גאנ־צע אינדוסטרי. אקאונטענטס זיינען איצט באשעפטיגט און די ארבייט ווערט געטאן פון פראפעסיאנעלע לייטע. א באַ־ריכט וועגען דער אונטערזוכונג וועט גע־געבען ווערען ווען די גאנצע אונטערזו־כונג וועט זיין געענדיגט.

ברודער פיינבערג, דזשענעראל מע־נעדזשער, באריכטעט וועגען דעם גע־פלאנטען סטאפעדזש, וואס די אמעריקאן אסאסיאיישאן איז ענטשלאסען צו מאַ־כען. ער באריכטעט, אז די יוניאן האט זיך פאראינטערעסירט אין דער פראגע און האט אראנזשירט א קאנפערענץ צווישען דער מוירטשענטס אסאסיאיי־שאן. די יוניאן וועט זיין פארטראטען אויף דעם קאנפערענץ דורך די ברידער: שיין, היימאן, דובינסקי, ברעסלאו, נינפא, וואנדער, פינקאפסקי, לאנגער, פיינבערג און זיגמאן.

ברידער פיינבערג באריכטעט אויך, אז אן אקאונטענט פון דעם אפיס וועט אונטערזוכען די ביכער פון דער פירמע טשאס מייזעל, כדי אויסצוגלייכען אלעס מיט דער פירמע.

בנוגע די וויסט און דרעס דזשאינט באארד, האט ברודער פיינבערג דאס פאלגענדע צו באריכטען: —

די אינדיפענדענט דעפארטמענט זאל לייבען ווי געווען און זאל אויך קאנטראלירען די דרעס שעפער, וועלכע זיינען ביז איצט קאנטראלירט געווארען פון אונזער דזשאינט באארד. דער דע־פארטמענט זאל האבען א מענעדזשער און א קאמפליינט קלערק צו געבען אינ־פארמאציע, אננעמען קאמפליינטס א. ז. וו.

דער אסאסיאיישאן דעפארטמענט זאל בלייבען ווי געווען אונטער דער אויפזיכט פון א מענדזשער און א קאמ־פליינט קלערק.

די לייבאר ביורא, ווי זי איז היינט, איז ניט זעהר וויכטיג אין דער יוניאן, ווייל זי גיט זיך בלויז אפ מיט די לאקאלס 22 און 89. ער גלויבט אבער, אז די ביורא זאל בלייבען מיט דער אויפזיכט צו עטאבלירען א סענטראל ליי־באר ביורא פאר דעם גאנצען דזשאינט באארד.

די דזשאבערס און אינוועסטיגיישאן דעפארטמענטס זאל פאראייניגט ווערען מיט אונזער דזשאבינג דעפארטמענט אונטער דער אויפזיכט פון דעם מע־נעדזשער פון אונזער דזשאבינג דעפארט־מענט.

ברודער פיינבערג גלויבט אז דער ארגאניזיישאן דעפארטמענט איז זעהר וויכטיג פאר דער דרעס אינדוסטריע. ער שלאגט פאר, אז פאר א ווילע זאל דער דעפארטמענט בלייבען אלס אן אינ־דע־פענדענט דעפארטמענט מיט א פערזאן, וועלכער זאל אויפפאסען. ער גלויבט ניט אז ער קען איצט רעקאמענדירען וועלכע עס איז ענדערונגען אין דער ארבייט. ער האפט אבער, אז ער וועט דאס קאנען טאן אין דער נאהענטער צו־קונפט. ברודער פיינבערג רעקאמענדירט אויך דאס פאלגענדע: — בנוגע די דיסטריקט אפיסעס: — אויב א נוער אפיס איז בעסער צוגעפאסט פאר דער ארבייט, דאן זאלען זייערע אפיסעס אריינגעהן אין אונזערע אפיסעס. אויב זייערע אפיסעס זיינען בעסער צוגע־פאסט פאר דער ארבייט, זאלען זייערע אפיסעס אריינגעמען אונזערע אפיסעס. די ארבייט זאל אבער אנגעפירט ווערען אונטער איין מענעדזשמענט. דאס באַ־ציהט זיך אויך צו די אפיסעס אין האר־לעם, בראנקס, בראנזוויל, דאון־טאון, ברוקלין א. א. וו.

ברודער ברעסלאו פארלאנגט צו ווי־סען צי עס ווערט פארשטאנען אז ווען די דרעסמאכער וועלען אריינקומען אין אונזער דזשאינט באארד, וועלען בלויז די וועלכע זיינען מעמבערס פון לאקאל 35 קאנען ארבייטען אין די דרעס שעפער.

ברודער פיינבערג ענטפערט אז אזוי וועט עס זיין.

ברודער קאפלאוויץ באריכטעט, אז לויט די אינסטרוקציעס פון ברודער פיינבערג, האט ער געהאט א מיטינג מיט די סעקרעטער־ע פון לאקאלס 22 און 89, ווי אויך מיט ברודער מאקאף, סעקר. פון דער דרעס און וויסט דזשאינט באארד בנוגע די פינאנציעלע פראגע. ברודער קאפלאוויץ ערקלערט, אז עס זיינען פאראן עטלאכע פינאנציעלע פרא־גען וועלכע ער וויל פארברייגנען פאר דער באארד אוו דירעקטארס.

נאכדעם ווי ברודער קאפלאוויץ גיט אפ זיין באריכט, ווערט באשלאסען אז אלע לאקאלע סעקרעטערע זאלען האבען א מיטינג, וואו די פינאנציעלע פראגע זאל אויפגענומען ווערען כדי צו ברייננען די פאראייניגונג אזוי שנעל ווי מעגליך. באארד אוו דירעקטארס באריכט, —

קאמיטעס.

(אויגוסט דעם 15טען)

א קאמיטע פון די ארבייטער פון מאקס גרינשטיין, אינפארמירען די באארד אוו דירעקטארס אז זיי מאכען ניט קיין לעבען און זיי פארלאנגען אז די באארד אוו דירעקטארס זאל זיי ער־קלערען אין סטרייק, כדי צו צווינגען זייער פירמע זיי צו געבען א צייט־קאנטראקט.

ברודער סלוצקי, וועלכער קאנטרא־לירט דעם שאפ, באהויפטעט, אז עס וואלט ניט געווען ראטזאם צו ערקלערען דעם שאפ אין סטרייק אזוי לאנג ווי די פירמע האט ניט קיין ארבייט. ער באַ־הויפטעט אויך, אז די ביכער פון דער פירמע זיינען אונטערזוכט געווארען און קיין פארדאכט געגען דער פירמע, אז זי שיקט ארויס ארבייט צו אויטסייד שע־פער איז ניטא.

די קייס ווערט איבערגעגעבען צום אפיס מיט „פול פאוער".

א קאמיטע פון די ארבייטער פון ח. ב. ר. פארלאנגען פון דער באארד אוו דירעקטארס אז א סטרייק געגען זייער פירמע זאל ערקלערט ווערען, כדי צו צווינגען דעם דזשאבער, ה. ב. רובין, זיי צו געבען א צייט קאנטראקט פאר אר־בייט. זיי ערקלערען אויך, אז זייער פיר־מע האט ארונטערגעריסען 20 מאשינען, ניט אנפרעגענדיג ביי דער יוניאן.

אין צוזאמענהאנג מיט דער קייס, ערקלערט ברודער פיינבערג, אז ער, ברו־דער העלער און ברודער סלוצקי, האבען זיך געזעהן מיט דעם דזשאבער ה. ב. רובין, מיט דעם צוועק צו פארלאנגען פון איהם צו שיקען גענוג ארבייט אין דעם אויבענדערמאנטען שאפ. מר. רו־בין האט זיי ערקלערט, אז ער האט מער ניט צו טאן מיט דעם שאפ און אז ער האט פארקויפט אלע זיינע שערס.

די פראגע צי א סטרייק זאל ער־קלערט ווערען געגען דער פירמע רופט ארויס א דיסקוסיע. פארשיידענע מיי־נונגען פאר און געגען ווערען אויסגע־דריקט.

נאכדעם ווי די פראגע ווערט גענוי ארומגערעדט, ווערט באשלאסען איבער־צוגעבען די קייס צום אפיס.

אנשעל מעסטער, א מעמבער פון לאקאל 35 און א סטרייקער פון סקוירט קאנטראקטאר קאזשדען, אינפארמירט די באארד אוו דירעקטארס, אז ער איז אין סטרייק פאר די לעצטע עטליכע וואכען און די 12 דאלאר בענעפיט וואס ער באקומט איז ניט גענוג פאר אויפהאל־טען זיין פאמיליע. ער פארלאנגט אז די באארד אוו דירעקטארס זאל העכערן זיין בענעפיט.

זיין פארלאנג ווערט צוריקגעוויזען.

ב. גראסמאן, אן ארבייטער, וועלכער איז ארונטערגעשיקט געווארען פון דעם שאפ פון בראדי און פונט, פארלאנגט, אז די באארד אוו דירעקטארס זאל איהם ערלויבען צוריקצוגעהן ארבייטען פאר דער אויבענדערמאנטער פירמע. ער ער־קלערט, אז ער האט געארבייט פאר בראַ־די און פונט 18 יאהר און איצט איז איהם זעהר שווער צו געפינען אן אנדער פלאץ, ווייל ער קאן קיינעם ניט אין דעם טרייד. ער ערקלערט אויך, אז פאר די לעצטע צוויי וואכען האט ער געמאכט עטליכע דזשאבס אין א קליינינג סטאר,

עהיוקיישאנאל נאטיצען

אונזערע קורסען פאר 1923-1924.

ערשטער קורס: דער פונדאמענט פון דער מאדערנער ציוויליזאציע — ה. א. אווערסטריט.

אין דעם קורס וועט געמאכט ווערען א פערזוך אויסצוגעפינען די פונדאמענטאלע כחות, אינדיווידועלע און סאציאלע, באוואוסטזיניגע און אומבאוואוסטזיניגע, די היסטארישע און די נייע, וועלכע ווירקען אין דער ענטוויקלונג פון אונזער ציוויליזאציע. וועלכע זיינען די אינסטיטוציעס, וואס שאפען און בילדען אונזערע אידעען און אידעאלען? מאכען זיי אליין דורך געוויסע ענדערונגען? אויב יא, טא אין וועלכער ריכטונג? וועלכע זיינען עס די אידעען און אידעאלען, וואס בויען איבער אינסטיטוציעס? זיינען דא נייע מאטעריעלע אומשטענדען, וואס ברייגען מיט זיך נייע אויסזיכטען? שפילט דער פרייער ווילען, דער באוואוסטזיניגער ציל אירגענד וועלכע ראלע אין דער ענדערונג פון דער ציוויליזאציע. איז דא א נייע היסטארישע פערספעקטיווע, א נייער גייסט אין קונסט און רעליגיאן? דער קורס וועט זיין ביידע: אי אן עקספערימענט אין קאאפעראטיווען דענקען און אי א לעקטשור-קורס, ווייל עס וועט שטרענג פערלאנגט ווערען, אז דיזע אלע אידעען זאלען קלאר געמאכט ווערען דורך אן אלגעמיינע דיסקוסיע.

צווייטער קורס: פאליטישע און סאציאלע אינסטיטוציע — ה. דזשיי. קארמאן.

די אומרוהיגקייט וואס איז געווען פאר דער וועלט-מלחמה איז נאר פאר א צייט אפגעשטעלט געווארען. וואגאר נאך איידער די מלחמה האט זיך געענדיגט, האט די וואקסענדע אומצופרידענהייט זיך געוויזען אויף די פעלדער פון געדאנק און אין מענשליכער טעטיגקייט.

אין פאליטיק, אין רעגירונג, אין אינדוסטריע, אין פאקט אין יעדער פאזע פון עפענטליכען לעבען — ווערט פון איינצעלנע און פון מאסען גערעדט וועגען א סאציאלע ענדערונג. איינעגע וואלטען נאר געוואלט עטוואס ענדערען די עקזיסטירענדע פירונג; אנדערע, די מעהר עקסטרעמע, פאדערען איהר פולשטענדיגע פארניכטונג. געגען דיזע און איבערהויפט געגען די לעצטע, זיינען דא די יעניגע, וועלכע האלטען, אז אלעס דארף בלייבען אזוי ווי עס איז, ווייל זיי רעכנען, אז עס איז שוין דערגרייכט געווארען דאס לעצטע ווארט אין דער פארמירונג פון דער אויפפירונג פון מענשען.

די דריי גרופען זיינען דא היינט-צו-טאג אין אמעריקא, און זיי אלע ווענדען זיך מיט זייערע געדאנקען און פאדערונגען צו דער עפענטליכער מיינונג. עס איז אוממעגליך פאר אימיצען צו געבען א באשטימטען אורטייל פאר די אדער יענע גרופע, ווען ער ווייס ניט די פאקטען, אויף וועלכע זיי שטיצען זיך. אין אנדערע ווערטער, מיר מוזען פארשטעהן די איצטיגע ציוויליזאציע און איהר פונדאמענט.

דער איצטיגער קורס באצוועקט צו געבען אן אלגעמיינעם איבערבליק איבער די וויכטיגסטע סאציאל-אינדוסטריעלע און פאליטישע כאראקטעריסטיק פון דער אמעריקאנער ציוויליזאציע זייט 1860.

צווייטער לעסאן.

די פראדוקציאן פון דאס, וואס באפרידיגט די מענשליכע באדערפנישען.

מיר האבען פעסטגעשטעלט, דאס דער ווינקעלשטיין פון עקאנאמיקס איז דער פאקט, דאס דער מענש איז א סאציאלע חיה, וועלכער געברויכט ווערקצייג. די באפרידיגונג פון זיינע באדערפנישען, ווי שפייז, א וואוינונג, קליידער, באהייצונג, בילדען די ערשטע פאדערונג פון דער אינדוסטריע. אין דער מאדערנער עקאנאמיע, ווי אימער, איז פראדוקציאן דער פונדאמענטאלער סאציאלער פראצעס.

ווי אזוי מענשליכע באדערפנישען ווערען צופרידענגעשטעלט סאציאל, קאן אילוסטרירט ווערען דורך אן איינפאכען פראצעס, מיט וועלכען א מאמע, א הויז-פרוי, מאכט פארטיג א מאלצייט, וואס דארף שטילען דעם הונגער פון דער פאמיליע.

ערשטענס קויפט זי דאס פלייש, די גרינס און אלעס אנדערע — דאס, וואס מיר רופען דער רויהער מאטעריאל פאר דעם מאלצייט. צווייטענס, קאכט זי עס, אדער זי מאנופעקטשורט א פארטיגען פראדוקט. דריטענס, באנוצט זי זיך צוליב דעם מיט טעפלאך, פאנען, אדער מיט איהרע ווערקצייג. פערטענס, שטעלט זי אלעס אויף'ן טיש, אום דאס צו צ ו ט י י ל ע ן צווישען דער פאמיליע. אין אט די אלע זאכען, וואס זי טוט, לעגט זי אריין איהר ארבייטס-קראפט.

דער סאציאלער פראדוקטיווער געזעץ איז אין עצם דער זעלבער: צו-ערשט קומען די רויהע מאטעריאלען פון לאנד, מינען, ימים, וועלדער, וועלכע ווערען ארויסגעבראכט דורך גראבען זיך אין דער טיפעניש פון דער ערד, דורך ארפלאזען זיך אין די טיפענישען פון די ימים, דורך דאס אויסהאקען פון געדיכטע וועלדער און דורך דער באארבייטונג פון דער ערד. דאן ווערען זיי געמאכט פארטיגע פראדוקטען אין די פעקטארים און מילען. צוליב דעם ווערען געברויכט ווערקצייג, וועלכע זיינען געמאכט געווארען פון ארבייטער פון פריהעריגע צייטען, און וואס מען רופט קאפיטאל, און דאן ווערען די פראדוקטען פאנאנדערגעטיילט דורך פארשיידענע טראנספארט מיטלען.

פונדאמענטאל שטיצט זיך די גאנצע פראדוקציאן אויף דער נאטור (לאנד, מינען, ימים, וועלדער) און אויף מענשליכער ארבייט (קערפערליכע און גייסטיגע טעטיגקייט), וואס איז געצילט צום צוועק פון פראדוקציאן). ווען איהר וועט אונטערזוכען די פארשיידענע פראדוקטיווע שרים, וועלכע זיינען דא געשילדערט געווארען, וועט איהר זעהן, דאס אלעס, וואס מאכט דעם פראצעס מעגליך: ווערקצייג, טראנספארט, פעקטארים א. אז. וו. זיינען דער רעזולטאט פון מענשליכער ארבייט אנגעווענדעט אויף דעם רויהען מאטעריאל, וואס די נאטור האט אין זיך.

אויב מיר פארגלייכען דעם פראצעס פון פארטיג מאכען א מאלצייט מיט דעם ברייטערען פראצעס פון סאציאלער פראדוקציאן, באמערקען מיר צוזאמען מיט די עהנליכקייטען אויך געוויסע אונטערשיידונגען, וועלכע זיינען די ריכטיגע כאראקטעריסטיק פון דער מאדערנער פראדוקציאן.

א. א זעהר קאמפליצירטער, לאנגזאמער פראצעס, אין וועלכען דער פארטיגער פראדוקט ווערט ארויסגעארבייט פון דעם רויהען מאטעריאל, און וועלכער איז, אין גאנצען גענומען, זעהר שטארק ארגאניזירט.

ב. אין גאנצען שטיצט זיך דער פראצעס אויף דער מאשין.

ג. ווערט פארטיג-געשטעלט אויף א גרויסען מאסשטאב.

ד. ווערט אויסגעפיהרט דורך א גרויסער צוטיילונג פון דער ארבייט און ספעציאליזאציע.

ה. און איז פאראנטווארטליך פאר דעם פאלגענדען אינדירעקטען כאראקטער פון דער באפרידיגונג פון די באדערפנישען.

די מאדערנע פראדוקציאן איז דער לעצטער שטאפעל אין א לאנגער עקאנאמישער אנטוויקלונג, וועלכעס שטופען ווייזען, ווי אזוי די מענשען האבען געקראגען די זאכען פאר זייער עקזיסטענץ.

ערשטענס, דורך געיעג און פיש-פאנג; צווייטענס, דורך האדעווען פיה; דריטענס, דורך פארמעריי; פערטענס, דורך האנט-ארבייט (געברויכענדיג איינפאכע ווערקצייג בלויז דורך מענשליכער קראפט), און פינפטענס, דורך דער פעקטארי (דורך דעם געברויך פון מאשינען, געטריבען דורך א נאטור-קראפט, ווי דאמף, עלעקטריציטעט).

די „מאווים” ווייזען אויף א זעהר פאפולערען אופן, ווי אזוי די דאזיגע אנטוויקלונג איז פארגעקומען אין אמעריקא אין דער קורצער צייט פון 200 יאהר. צוערשט קומען די בילדער פון דעם אינדיאנער, דער יעגער, דאן די בילדער פון דעם קאובאי, דאן די פארם-בילדער, אייזענבאהן-בילדער, אינדוסטריעלע בילדער, וואל סטריט בילדער. דער זעלבער פראצעס האט אנגעהאלטען וועלכע פינף הונדערט טויזענט יאהר אין דער גרויסער וועלט.

הינטער דער עקאנאמישער אנטוויקלונג ליגט דער גרויסער טעכנישער פארטשריט, וואס האט געבראכט א שטענדיגע פארבעסערונג אין די פראדוקציאנס מיטלען, אויף וועלכע מיר האבען אנגעוויזען אין דעם ערשטען לעסאן.

אום צו ברענגען די פראדוצירטע זאכען אין מיליאנען הייזער און אין די פעקטארים, פאדערט זיך א פיל מעהר קאמפליצירטער פראצעס, ווי דער גאנג פון דער הויז-פרוי פון קיך אין עס-צימער, כאטש דער זעלבער פונדאמענטאלער פרינציפ איז אין די ביידע פראצעסען. פאר דעם זיינען נויטיג אייזענבאהנען, דאמף-שיפען, טראקס, טעלעפאנען, טעלעגראפען, דער פאסט-אפיס, סטארס, סטארידזש-הייזער א. אז. וו.

נאך דעם אלעם מוז יעדער איינער פון אונז ענטפערען אויף דער פראגע: אזוי ווי די אלע זאכען, וואס איך האב גענוצט, קאנען נאר געקויפט ווערען פאר געלט, טא וויפיל פון די זאכען, וואס איך האב נויטיג, קאן איך קריגען?

די פראגע ברענגט אונז צו דעם ענין פון פארטיילונג פון דעם רייכטום, וואס איז דא.

זאכען וואס איז גוט צו וויסען

ווילט איהר פארגרעסערן אייער וואג?

עס ווערט מיט רעכט אנגענומען, אז די וואג פון קערפער איז אין א געוויסער מאס דער באראמעטער פון דעם אלגעמיינעם געזונדהייטס צושטאנד. אונטערוואג און איבערוואג זיינען גלייך אומנארמאלע צושטאנדען, וואס פאדערען געהעריגע מעדיצינישע באהאנדלונג לויט יעדען באזונדערען אינדיווידועלען פאל.

וויניג וואג, באזונדערס אין דער יוגענד, קאן אנגענומען ווערען פאר א סימן פון געוויסע אומארדנונגען. עס איז א פעסטגעשטעלטער פאקט, אז די, וואס ליידען פון טובערקולאז, האבען געוועהנליך וויניג וואג. עס איז באמערקט געווארען, אז וויניג וואג קאן אויך זיין דער הויפט סימפטאם אין פאלען פון א קענסער (ראק). ווייטער קאן וויניג וואג אנווייזען אויף אן אומארדנונג אין דעם פארדייהונגס קאנאל, וואס שטערט זעהר פיל דעם פארדייהונגס פראצעס. אונטערוואג קאן אויך פאראורזאכט ווערען פון א ניט פעסטען נערוועזען סיסטעם, וואס באאיינפלוסט אומדירעקט די פיזישע אנטוויקלונג.

עס איז אויך באקאנט, אז אומרעגולערע לעבענס-געוואוינהייטען, עקססעסען, אומסאניטארישע אינדוסטריעלע באדינגונגען און א ניט גוטע היים העלפען איבערוועגען דאס פיזישע גלייכגעוויכט פון א פערזאן און פיהרען צו א פערלוסט אין וואג.

מען קאן אננעמען פאר א זיכערען אלגעמיינעם פרינציפ, אז יעדע פערזאן וואס ליידט פון וויניג וואג, דארף זיך בעראטען מיט א קאמפעטענטען ארצט, כדי פעסטצושטעלען די אורזאך און פארריכטען דעם פעהלער. דער ערשטער שריט צו פארריכטען דעם אומנארמאלען צושטאנד איז יעדען יאהר צו לאזען זיך באטראכטען פון א דאקטאר.

געוויס זיינען פאראן א סך פאלען פון וויניג וואג, וואס ווערען ניט באגלייט פון קיין מערקבארער פיזישער קראנקהייט, און אין די עלטערע יאהרען קאן וויניג וואג גאר זיין א סימן פון גוטען געזונט.

און גראד אין אזעלכע פאלען קען מען דעם פעהלער פארריכטען זעהר לייכט, ווען א געהעריג רעגולירטע רוטין ווערט איינגעשטעלט אויף דער ראט פון א קאמפעטענטען ארצט. זעהר אפט טרעפט, אז אלץ וואס איז נויטיג צו געווינען וואג איז צו ענדערען די סביבה אדער די דיעטע, כדי דאס פארדייהונג סיסטעם זאל זיין געזונטער.

אט אזעלכע זעהר איינפאכע שריט פיהרען אפט צו א צופרידענשטעלענדיגען געווינס אין קערפערליכע וואג. רעגולירט אייערע געוואוינהייטען, נעמט גוטע, געזונטע, פרישע און נאהאפטיגע שפייז, זייט אונטער דער אויפזיכט פון א פארזיכטיג אויסגעקליבענעם קאמפעטענטען דאקטאר, און דאס אלץ וועט העלפען ענדערען אייער פיזישען צושטאנד און פארבעסערען אייער געזונט.

אט איז א מוסטער פון אן אלגעמיינעם מעניו פאר מענשען, וואס ליידען פון וויניג וואג און ווילען געווינען. עס מוז אבער פארשטאנען ווערען, אזא מעניו איז ניט פאר קליינע קינדער, נאר פאר דערוואקסענע און פאר אונטערוואקסענדיגע קינדער.

די, וואס ווילען פארגרעסערן זייער וואג, דארפען האבען פאר פרישטיק יעדען טאג זיסע מילך, געקאכטע אויטמיל מיט פוטער אדער מיט מילך, לייכטען ברויט אדער ביסקווית מיט פוטער.

דער פאלגענדיגער מעניו פאר מיטאג וועט דעם קערפער געבען גענוג אויפבוי מאטעריאל. יעדען טאג דארף זיין פאר מיטאג איין פלייש געריכט. אט דער פלייש געריכט מעג באשטעהן פון ביף סטיו, העש אדער פאט ראוסט, געברוילטער א״ער געבראטענער עוף, געקאכטע אדער געפרעגעלטע פיש, סעמאן מיט קרים אדער קארפיש קייקס.

מאקאראני מיט קעז דארפען איינגעשלאסען ווערען וויינינגסטענס איינמאל א וואך, און געטריקענטע בעבלאך — צוויי אדער דריי מאל א וואך. פאטייטאס, אירלענדישע קארטאפעל אדער סווים-פאטייטאס — פיר אדער פינף מאל א וואך, רייז — צוויי אדער דריי מאל א וואך, אין טעג ווען מען עסט סטיו אדער בעבלאך.

א געהעריגע מאס פון גרינס איז וויכטיג צוצוגעבען. רויהע גרינסען דארפען געגעסען ווערען דריי אדער פיר מאל א וואך און דארפען איינשליסען קרויט, קאלארדס, ספינאטש, טורניפ גרינס, סנעפ-בינס אדער אקרא. קארן ברויט און מילך אדער באטערמילך דארף גענומען ווערען יעדען טאג.

אן ענליכע מעניו פאר אוועטנברויט דארף איינשליסען לייכטען ברויט אדער ביסקווית, פוטער, מילך אדער באטערמילך יעדען טאג, פינאט באטער איינמאל אדער צוויי מאל א וואך, סיראפ איינמאל אדער צוויי מאל א וואך, סטיוד פרוטס דריי אדער פיר מאל א וואך, אין טעג, ווען קיין גרינסען ווערען ניט געגעסען צו מיטאג.

אזעלכע פרוכט, ווי עפעל, פיטשעס, סטיוד פרונס אדער אפריקאטס ווערען אויך רעקאמענדירט.

מען קאן באלד זעהן, אז אזא מעניו איז פאר אינטערוואקסענדיגע קינדער אדער פאר דערוואקסענע. א פארשטענדיגע פרוי וועט פארשטעהן זיך, מאכען אלערליי ענדערונגען, לויט דעם עלטער פון איהרע קינדער, די געשמאקען פון דער פאמיליע, די מארקעט באדינגונגען אדער איהרע באזונדערע אומשטענדען. מען קאן צוגעבען פארשידענע זאכען, צוליב מעהר פארשידענקייט און אנציהענדיגקייט. מען מעג פארבייטען אלערליי שפייזען דא מיט אנדערע שפייזען, אדער געבען זיי וויינינגער, אבער מען טאר ניט רעדוצירען די קוואנטיטעט פון מילך און מאגערע פלייש.

א פארגרעסערונג פון וואג הענגט אב ניט נאר פון דער דיעטע אליין. עס זיינען נאך פאראן אנדערע פאקטארען, וואס זיינען פונקט אזוי וויכטיג: דרויסענדיגע איבונגען, גוט ווענטעלירטע היימען, די רעגולירונג פון געוואוינהייטען, באזונדערס פון עסען און שלאפען, זיינען פונקט אזוי וויכטיג פאר פערזאנען, וואס ליידען פון וויניג וואג, ווי עס איז דאס אויסקלייבען פון געהעריגע שפייז שטאפען.

מענשען, וואס זיינען אומנארמאל דין, זעהן אפטמאל אויס בלייך און קרענקליך. א פארבעסערונגס דיעטע, ווי מיר האבען דא אויבען אנגעגעבען, וועט ברייננגען קאליר אין די באקען און פארגרעסערען די אלגעמיינע קערפערליכע לעבהאפטיגקייט.

געדענקען דארף מען, אז א פראגרעסיווער און אנהאלטענדיגער פארלוסט אין וואג מיינט געוויינליך אן ערנסטע קראנקהייט. אויב איהר ליידט פון אזא צושטאנד, זאלט איהר באלד זיך ווענדען צו א דאקטאר. מיט אפלעגען קאנט איהר נאר העלפען דעם פראגרעס פון יעדער קראנקהייט, און אויב איהר וועט ניט אננעמען קיין געהעריגע שריט אין צייט, וועלען אזעלכע פארריכטונגס מיטלען שוין ניט קאנען אייך העלפען.

פאראיין לענגוועדזש אינפארמיישאן סוירוויס.

ווייסט איהר, אז

אז ניט לאנג צוריק איז געפייערט געווארען די 25-יאהריגע ארבייט פון לואי לוסיען קאן, א אידישער מעמבער פון דעם פראנצויזישען טשעמבער פון דעפוטאטען, דורך א באנקעט, אויף וועלכען ער איז געלויבט געווארען פאר זיין ארבייט, אלס פינאנץ-מיניסטער, אז אמט, וועלכען ער האט געהאלטען פאר פילע יאהרען, איינשליסענדיג די צייט פון דער וועלט-מלחמה? ווייסט איהר, דאס דער טערקישער טאבאק איז העלפט מאר איז דער ריינסטער טאבאק, וואס איהר קענט קריגען?

חתנים

(סקיצע) פון אברהם רייזען.

די אַלטע דבורה קען בשום אופן ניט פאַרשטעהן, וואָס איז דער מעהר מיט איהר טאָכטער לאה'ן. דאַכט זיך, אַז אַזוי איז זי אַ קלוג מיידעל, פאַרשטעהט אַלץ, ווי אַן אמת'ער בר־דעת, איהרס אַ ווערטעל מעג מען נעהמען און דרוקען און איהר השגה איז ווי פון אַן אמת'ען מאַנסביל.

און דאָך, ווי עס קומט צו חתנים, ווערט זי גאָר אַ קינד. יעדער בחור געפעלט איהר און יעדע מלאכה איז גוט פאַר איהר; און פאַרקערט, טאָמער גאָר אָהן אַ מלאכה, סתם אַ ליידיגגעהער, אַ הולטאַי, איז אויך גוט. אַ יונגימשקער אָהן וואָנסלעך איז ביי איהר, זאָגט זי, אַ בלום; אַן אַלטער בחור, ווידער, זאָגט זי, איז אַ פּראַקטישער מענש, פאַרשטעהט דאָס לעבען און קען זיין אַ שטיצע: היינט געה זיי אַ חכמה און טרעף, וואָס מיט איהר לאה'ן איז אַזוינס.

אמת, זי דבורה, ווייס טאַקע דעם אמת. לאה איז שוין אַלט ביי אַ יאָהר זעקס־זיבען־און־צוואַנציג, און אויב זי וויל זיך אַריינלאָזען אין אַ טיפערע רעכענונג, איז זי שוין טאַקע באַלד אַרום ניין־און־צוואַנציג. אָבער דעם קאָפּ פאַרלירען דאַרף דאָך אַ מיידעל נישט. פאַרקעהרט, וואָס עלטער, אַלץ מעהר האָט זי דאָך געדאַרפט פאַרשטעהן.

און דאָך איז זי אין דער פראַגע וועגען חתנים אַן אמת'דיג קינד... יעדען בחור, וואָס מאַכט מיט איהר באַקאַנטשאַפט, גלויבט זי גלייך אויפ'ן וואָרט... קיין אומגליק חלילה איז עס נישט, לאה בלייבט אַלעמאָל אַן עהרליך מיידעל, זי וועט פאַר איהר שווערען... פאַרקערט, עס וואָלט איהר, דבורה'ן, גאָר ניט געאַרט, ווען אַ בחור זאָל זי טאַקע אַמאָל אַ קוש געבען. פאַרוואָס נישט... זי, די מאַמע, איז שוין אַפילו אַן אַלטע אידענע, אָבער זי איז ניט אַזאַ פאַנאַטישע.. פאַרקערט, ווען זי ווייס כאָטש, אַז יעדער נייער חתן, וואָס לאה קריגט ערגעץ, דער נומער יאָהר ווייס פון וואַנען און ווי אַזוי, וואָלט כאָטש ווערט געווען דאָס געלד וואָס לאה לאָזט זיך קאָסטען אויף יערען חתן. אָבער אַזוי, משטיינס געזאָגט, קומען נאָר עסען און טרינקען און פאַר'ן אוועקגעהן דערלאַנגט מען איהר בלויז די האַנד.

זי איז טאַקע אַ אידינע פון דער אַלטער וועלט, אָבער זי פאַרשטעהט רען ניט, אַז לאה ליידט דערפון... זי אַליין איז דאָך אויך אַמאָל געווען אַ מיידעל. אַמאָליגע יאָהרען האָט מען נישט געדאַרפט אַזוי לאַנג וואַרטען אויף אַ חתן.. צו 18 יאָהר איז זי שוין אַ כלה געוואָרען... אָבער זי געדענקט גוט, ווי אַזוי זי האָט געגאַרט, אַז דער חתן זאָל זי אַ קוש טאָן, אַרומנעמען...

אָבער איהר, ווי לאַנג איז איהר רען אויסגעקומען צו וואַרטען ביז דער חתונה?.. שבת נחמו איז געווען די תנאים און חצי אלול איז שוין געווען די חתונה...

אַמאָליגע יאָהרען!.. לאַנג וואַרטען האָט מען נישט געדאַרפט...

און איצט נעבאָך, איהר לאה, אַזאַ געראָטענע, אַזאַ וואויל מיידעל, קען ניט צובינדען איינעם צו זיך אויף שטענדיג. דער געטרייסטער חתן איז אויף עטליכע חדשים, אייניגע האַלטען זיך בלויז אַ פּאָר וואָכען און אַ פּאָר האָבען זיך בלויז געהאַלטען צו עטליכע טעג...

— אַ קאַץ אין שטיב האַלט זיך שוין אַמאָל לענגער, — טראַכט דבורה און גיסט אויס איהר ביטער האַרץ פאַר זיך אַליין.

אָבער וואָס געווען איז געווען... די אַלע חתנים ביז אַהער זיינען געווען כאָטש כשר'ע מענשען... ס'הייסט, די פּאָליציי האָט זיי נישט געזוכט... אויסער יענער, דער יונגימשקער, וואָס האָט זיך באַהאַלטען פון פּריזיוו... געווען אַ וואויל בחור'ל... נאָך גאָר אַ קינד אויפ'ן קוק... איהר לאה האָט איהם שטאַרק ליב געהאַט אַזוי ווי אַ קינד... זי פלעגט איהם טאַקע אַמאָל אַ גלעט טאָן איבער'ן קעפּעל, ווי מען גלעט אַ קינד. זי איז דאָך אַזאַ גוטע...

אָבער דער לעצטער איז אַ מאָרנע באַשעפעניש... גאָט זאָל איהר ניט שטראָפען פאַר די רייד... פון זיינע האָר האָט מען געקענט דעם בעסטען שייטעל מאַכען... אַזוי ווי אַ גלח... לאה זאָגט, אַז ער איז אַן אַנאַרכיסט, האַלט נישט פון קיין זאַך... לייקענט אַלץ אָפּ... אָבער אָפּעסען האָט ער דוקא ליב... און דערצו נאָך אַ ביסעל בראָנפען נעמען פאַר'ן עסען... גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רייד...

נאָר וואָלט דער כאָטש דער לעצטער געווען... אַ סוף... אבי חתונה געהאַט! איז דאָס אָבער אַזאַ מין סאָרט בחור, וואָס זאָגט, אַז חתונה האָבען איז אַ באַרבאַרישע איבערבלייבאַכץ... ווי געפעלט אייך אַזאַ מין סאָרט נפש..

וויבאַלד אַז חתונה האָבען נישט, היינט וואָס קומסטו אַלע טאָג... עסט און טרינקסט און גאַרנישט...

אמת, ער איז שוין נישט גלייך צו די איבעריגע... ער גיט לאה'ן אַמאָל יאָ אַ קוש... זי האָט אַמאָל זיי געכאַפּט... זי האָט זיך געמאַכט ניט זעהענדיג.... מילא, אַז איהר איז ניחא...

אָבער וואָס איז די פעולה פון קושען אַליין... ווען זיי האָבען חתונה! נו, האַלט ער דאָך ניט דערפון, און דערצו איז אַזאַ מענשען צו האַלטען אַזאַ ריזיקע... מען קען צוליב איהם אַוועק אַזש אין כף־הקלע... אַזעלכע חברה, זאָגט מען, זיינען נאָך טריפה'ר ווי סאָציאַליסטען... פאַר זיי איז גאָר קיין משפט נישטאָ.

— און וואו קריגט זי זיי עס? — קען זיך די אַלטע נישט אָפּוואונדערען...

— דאַכט זיך אַזאַ שטילע...

די לעצטע צייט האָט זי דער טאָכטער אַ פרעג געטאָן:

— לאה, אַרבייטסט נעבאָך אַזוי שווער און דיין גאַנצע פּראַצע געהט אַוועק אויף דיינע חתנים... וואָס וועט זיין?

האָט לאה אַ שמייכעל געטאָן, געשווינגען אַ ווייל'ע און צום סוף זיך אָפּגערופען:

— מאַמע, אָהן ווי איז נאָך ערגער...

— אָבער זעהסט דאָך, טאָכטער, אַז עס לאָזט זיך צום סוף אויס אַ טייך...

— אַ טייך... לאַכט לאה... נו, איז וואָס אַז אַ טייך... אַ טייך איז בעסער ווי אַ שטיקעל טריקען ערד, ווי אַ וויסט איינזאַם צימער... אַ טייך, מאַמע, איז גאָר נישט אַזוי שלעכט...

היינט געה רייד מיט איהר... און אַזוי איז זי דאָך אַ חכמה, אַ בר־דעת, איהרס אַ וואָרט מעג מען דרוקען.

אָבער די חתנים... די חתנים... זיי פאַרדרעהען איהר דעם קאָפּ...

ליעדער

פון נפתלי גראָס.

טונעלען

ווי דורך ליכטיגע טונעלען
שלייכען לייכט זיך מיינע טעג.
עס קאָן זיין, אַז ביז זיי וועלען
גרייכען צו אַ שוועל, אַ ברעג
אין די ליכטיגע טונעלען,
וועלען מיר נאָך טעג אויספעלען.

און — ווער ווייסט, ווער ווייסט, מיין ליבער,
אפשר בין איך לאַנג אַריבער
יעדע צאָהל און אַלע שוועלען,
און עס וועלען מיטע טעג
אייביג שוין אַזוי אַוועק!

קראַנקע קינדער.

זיי זיינען פאַר די פענסטער,
בייטאָג אי קראַנק, אי מיד,
געשטאַנען אין די בעטלאַך,
געשטאַנען און געקניט.
געקוקט, ווי פאַר די פענסטער
דער ווייסער ווינט פאַרציהט
מיט ווייכע, פלינקע שנייען
די געהערט טיפע טריט.

ביינאַכט, ווען אַלע זיינען
געשלאָפען מיך און מיד —
געבראַכט האָט זיי די שוועסטער
מיט זינגענדיקע טריט
אי מענטעלאַך, אי מיצלאַך,
אי גלימשערס — בליציג־בלייך;
האָט אנגעטאָן זיי אַלע
און אָפּגעפיהרט צום גלימש.

לייבאָר דעי

(פעליעטאָן) פון דזש. העללער.

איך האָב געטראַכט און געטראַכט און בין געקומען צום שלוס, אַז די פּאַסיגסטע טעמע פאַר היינטיגע וואָך איז „לייבאָר דיי".

וואָרים נאָך אַלעמען, פאַרוואָס זאָל איך אויך ניט שיקען מיין „מעסעדזש" צו די צעהנדליגע און צעהנדליגע טויזענדער אַרבייטער, וועלכע וואַרטען מיט אַזאַ אומגעדולד צו הערען אַ וואָרט פון מיינע ליפּען? בין איך דען ניט אַזוי גוט ווי גאָמפּערס, ווי סטאָן, ווי פריי און ווי אַלע אַנדערע? רעאַקציאָנער בין איך, קאָנסערוואַטיוו בין איך; די מאַסע — אונטערדריק איך, די מאָטיוון — די זעלבע: זיך זעלבסט צופרידענשטעלען. אַלזאָ, אין אַלע הינזיכטען אַ ריכטיגער אַמעריקאַנער אַרבייטער־פיהרער. און אַלס אַזעלכער שיק איך יעצט מיין גרוס צו אַלע מיטגלידער פון דער אינטערנעישיאָנאַל, — ביי אונז אין לאַנד און אין קאַנאַדע — אין דיזען גרויסען טאָג פון אַרבייט — לייבאָר דיי.

הערט זיך איין ברידער און שוועסטער. פאַרנעמט די ווערטער פון אַן עלטערען פון אייך און אַ קליגערען פון אייך (אַ, איך האָב שוין באַליידיגט דעם רענק און פייל), קריצט עס איין אין אייער זכרון. מאַכט עס אַ טייל פון אייער לעבען און אייער שטרעבען. זייט גוטע יוניאָן־לייט.

אָבער וואָס מיינט אַ גוטער יוניאָן־מאַן? אַ דאָס איז שווער צו פאָרמולירען. אָבער לאָמיר עס פּראָבירען קלאָהר צו מאַכען.

אַ גוטער יוניאָן־מאַן איז אַ מאַן (אָדער אַ פרוי) וואָס איז ניט קיין קאַלעקאַטסע. איך גלויב ניט אַזעלכע, וואָס קאַלעקאַטשען איבער אַלעס און אַלעמען און טאָן טוען זיי גאַרניט. זייט וויסען, אַז ווערטער זיינען ביליג. אַ ר ב י י ט, אָט דאָס איז דער אַרטיקעל וואָס גיט צו ווערט צו יעדער זאַך.

זייט ניט קיין סענטימענטאַלע לעמעשקעס. איך קען אַזעלכע אידען, וואָס ווי נאָר עס טוט אַ ביסעלע אַ שטראַל שפּרינגען זיי ביז צום הימעל פאַר פרייד. אַ, ווי גליקליך זיי זיינען. די גאַנצע וועלט איז פאַר זיי ווי אַ גן עדן. דערפאַר אָבער, ווי נאָר עס באַווייזט זיך אַ וואָלקענדעל אויף דעם האָריזאָנט, אַזוי לאָזען זיי גלייך אַראָנטער דעם נאָז. אומעט און פאַרצווייפלונג כאַפּט זיי אַרום. קיין זאַך טויג ניט. קיין זאַך וועט ניט טויגען. אַלעס גייט אונטער. אַלעס ווערט פאַרדאַרבען. אַלעס שטאַרבט און וועלקט. און אָט מיט דיזע אַלע ניגונים פאַרוויינען זיי די וועלט.

איך האָב ליב געזעצטע מענשען. אַזעלכע וואָס שפּרינגען ניט אין דער לופט פון די גוטע געשעהנישען און ווערען ניט פאַרצווייפעלט פון די שלעכטע געשעהנישען. אַזוי, אַ איד מיט אַ קוטאַס גלייך איך. — איהר הערט?

וואַרפט אַוועק דעם „באַנדעל" אַלס טערמאָמעטער. זייט ניט פון די יעניגע מיט אַ „באַנדעל" שטימונג. אַז אַרבייט איז דאָ איז: ה ו ר א פאַר די „יוניע", אַז קיין באַנדעל איז נישטאָ איז: „טו העל מיט די יוניע". איך קען אייניגע אַזעלכע נאַאיווע ברידער (און שוועסטער) וועלכע שרייען הורא פאַר דער שעהנער, גרויסער, מעכטיגער און ערהאַבענער יוניאָן, אַזוי לאַנג ווי דער סעזאָן האַלט אָן, און פליוכען אַרויף גאַנצע פּאַמוניצעס אויף דער יוניאָן אַזוי שנעל ווי דער סעזאָן ענדיגט זיך.

איך האָס די אומפאַרדינטע לויב־געזאַנגען און די ניט פאַרדינטע קללות. גיט ניט קיין צופיל קאָמפּלימענטען אייער יוניאָן און וואַרפט ניט קיין אומזיסטע באַשולדיגונגען אויף איהר. זייט אינטעליגענטע יוניאָן־לייט. זייט וויסען אַז זאָגאָר די מאַכט פון דער יוניאָן איז באַשרענקט און אַז אַ יוניאָן קען האָבען אי זיגע אי נידערלאַגעס. זי קען אַמאָל קריגען אַלעס און אַמאָל — גאָרניט אויך. זייט וויסען, אַז דער ווערט פון אַן אָרגאַניזאַציע קען ניט געמאָסטען ווערן נאָך דעם ה י י נ ט נאָך. ניט אַלע ה י י נ ט ס קענען זיין אַזוי שעהן ווי מיר ווינשען. לערענט זיך אויס צו מעסטען אייער אָרגאַניזאַציע, לויט איהר היסטאָרישען ווערט, וועט איהר דאַן זעהן דעם אונטערשיד. פון 1910 ביז 1923 איז אַ גאַנץ קורצער מהלך אין דער היסטאָריע פון אַן אָרגאַניזאַציע. יעס, און דאָך, אין פאַרלויף פון דעם לעבען פון דער יוניאָן האָט די יוניאָן גאַנץ צופרידענשטעלענד ערפילט איהר פליכט.

יע. לאָזט ניט אין גאַנצען זיך באַהערשען פון אייערע אינסטינקטען, פון די „נעפּיהלאַכצען" פון דער חיה, צו וועלכע פילע מאָדערנע „קינסטלער" מאַכען היינטיגע צייטען אַלע זייערע אַנשטרענגונגען צוצוקומען מיט זייערע רעדעס. אַזעלכע רעדעס קען יעדער איינער האַלטען. די לאַגע פון די אַרבייטער איז קיינמאָל ניט קיין גוטע. איהר קענט אימערצו געפינען גענוג אין די אַרבייטער רייען, וועמענס שיקזאַל מען קען באַוויינען; אין וועמענס הערצער מען קען פאַרשטאַרקען דעם יאוש. מיט וועמענס צרות מען קען הערצער צערייסען. אָבער אַזאַ אַרבייט איז די, וואָס ווערט אָנגערופען אויף דער הויכער שפּראַך ד ע מ אָ ג אָ ג י ע (דעמאַגאָגיע, איך ווייס). אָט דער יעניגער, וואָס רופט זיך צו צו אייך, און ווייזט אייך ווי הונגעריג איהר זייט, ווי אומגליקליך איהר זייט, ווי טרויעריג אייער שיקזאַל איז, ווי עלענד און ווי הילפלאָז איהר זייט, כלומרשט אַלס דער איין און איינציגער, וואָס פאַרשטייט אייך, וואָס פיהלט אייך מיט, וואָס סימפּאַטיזירט מיט אייך, וואָס האָט אַ האַרץ אָ נ ג ע ש ט אָ פּ ט מיט רחמנות אויף אייך, איז אַ לאַפּאַצאַן פון העכסטען גראַד. ווייל טאָן קען ער פאַר אייך גאָר ניט. נאָר ער רעדט. אַ, געדענקט נאָך אַמאָל אַז ריידען איז ביליג.

טוט מיר אַ געפעלינקייט, זייט ניט קיין לינקע. ניט ווייל איך האָב עטוואָס געגען די לינקע, ניט ווייל איך שרעק זיך חלילה אַז די לינקע וועלען ביי מיר צונעמען מיין אַמט. איך פאַרזיכער אייך, אַז די זאַך שרעקט מיר ניט. נאָר — איך גלייך ניט קיין „ניין־ניק", קיין „ניט־ניק", אַ מאַן, וואָס האָט נאָר איין ענטפער אויף יעדער זאַך: נ י י ן און נ י ט. נאָר נ י י ן און נאָר נ י ט און טו מיט איהם עפּעס.

פאַרשטייט איהר דאָך, אַז אויף נ י י ן און אויף נ י ט קען מען קיין יוניאָן ניט אויפהאַלטען. עס מוזען זיך דאָך געפינען מענשען וואָס זאָלען האָבען דעם מוט אַמאָל צו נעמען אַ שטעלונג. מען מוז דאָך אַמאָל זאָגען „יע" אויך. אַז ניט, וועלען מיר דאָך האָבען נעגאַטיווע יוניאָנס, וואו נ י י ן און גאָר נ י ט וועט ווערען דער סלאָגאַן. אין אַזאַ סאָרט „רעפאָרמע" גלויב איך ניט. און איהר אויך ניט. און קיינער ניט. און מעגט איהר מיך רופען טויזענד מאָל רעאַקציאָנער, — מיין קאַפּאָטע אויף דער לינקער זייט וועל איך ניט טראָגען.

און אָט איז מיין לייבאָר דיי מעסעדזש:

זאָל אמת'ע ליבע אָנפילען אייערע הערצער. זאָל פאַרשווינדען דער האַס, זאָל פאַרשווינדען דער צווייפעל. זאָל אָפּגעמעקט ווערען די צוטיילונג אין אייערע איינענע רייען. איין מאַכט. איין האַרץ. איין נשמה. איין ליבע. און איהר וועט הערען אַזאַ מעכטיגען ערפרישענדען אויסגעשריי: פאָרווערטס, אין מעכטיג געשלאָסענע רייען, פאַר אַ שעהנער וועלט!

פון וועלכע ער האט פארדינט זעהר ווייניג.

די קייס ווערט איבערגעגעבען צו די ברידער לאנגער און שיין פון לאקאל 1.

מענעדזשער׳ס באריכטען.

ברודער פריואמט באריכטעט, אז ראבינאוויטש ברידער, 5 איסט 14טע סטריט, איז געווען א ניט־יוניאן שאפ פאר די לעצטע עטליכע יאהר. איינינע פארזוכען זיינען געמאכט געווארען צו ארגאניזירען דעם שאפ, אבער די יוניאן איז געווען אומערפאלגרייך. די פירמע באשעפטיגט אן ערך 30 מענשען פון שטיק. דעם סיזאן האט דער אפיס ענגיידזשט איינינע קלאוקמאכער אום צו זעהן פאר וועלכע דזשאבערס די פירמע ארבייט. דעם אפיס איז געלונגען צו סטאפען דעם שאפ און נאך א סטרייק פון 4 טעג, איז די פירמע געווען געצוואונגען צו מאכען אן אגרימענט מיט דער יוניאן און דעפאזיטעט א סעקיורריטי.

סאמסאן קלאוק קאמפאני: — דער שאפ איז געווען א קארפארייישאן שאפ, באשטעהענד פון 5 פארטנער, פון וועלכע 2 זיינען געווען אפערייטארס און איינער א פרעסער. די קארפארייישאן האט אלעמאל געמופט פון איין דיסטריקט אין אן אנדערען און אזוי ווי זיי זיינען געכאפט געווארען, האבען זיי דעפאזיטעט א סעקיוריטי מיט דעם פארשפרעכען צו ענדיגען די ארבייט און אויפצוגעבען דעם קארפארייישאן. לעצטען סיזאן האט די פירמע געטאן דיזעלבע זאך אין דעם ״און־טאון דיסטריקט. איצט האבען זיי אריינגעמופט אין שוסטער׳ס דיסטריקט און דער אפיס האט געסטאפט דעם שאפ. די פירמע האט געוואלט געבען א סעקיוריטי אז זי וועט אויפגעבען דעם קארפארייישאן שאפ אין סעפטעמבער און מען זאל איהר ביז דעמאלט לאזען ארבייטען. דער אפיס האט זיך אנטזאגט צו סעטלען אויף דעם באדינג און דער סטעפ פון ביזנעס איידזשענטס האט פארטגעזעצט צו פיקעטען דעם שאפ. נאכ׳דעם ווי די פירמע האט צוגעשטימט אויפלייזען דעם קארפארייישאן און ארויפנעמען א נייעם סעט ארבייטער דורך דעם אפיס, איז דער סטרייק געגען דער פירמע אויפגעגעבען געווארען.

פייער דילינג קאמפאני: — די פירמע האט ארונטערגעשיקט צוויי אפערייטארס וועלכע זיינען ארויפגעשיקט געווארען פון דעם אפיס נאך דעם ווי די אפערייטארס האבען דארט אפגעארבייט צוויי וואכען פאר דעם מינימום סקייל. די פירמע באהויפטעט, אז די גארמענטס זיינען ניט גוט געמאכט געווארען. דער אפיס האט ארויפגעשיקט א ביזנעס איידזשענט, אן אפרייטאר, צו אונטערזוכען די גארמענטס און זיין באריכט איז געווען, אז די גארמענטס זיינען גוט געמאכט. די פירמע האט אבער נאך אלץ זיך אנטזאגט צו רעאינסטייטען די אפערייטארס, באהויפטענדיג אז זיי מאכען ניט גענוג ארבייט פאר 50 דאלאר א וואך. א סטרייק געגען דעם שאפ איז ערקלערט געווארען.

ארטש קלאוק קאמפאני. — דער אפיס האט אויסגעפונען אז די פירמע האט פרובירט סעטלען גארמענטס פון שטיק מיט איהרע אפערייטארס. די פירמע האט באצאהלט א פיין און די אפערייטארס זיינען גערופען געווארען צו דער גריוועגס קאמיטע.

ברודער פערלמוטער באריכטעט, אז די פירמע דינענטאל און נעלער, וועלכע האט ארונטערגעשיקט צוויי אפרייטארס, א. בלאק און א. לעווין, און זיי רעאינסטייטעט, האט זיי ווידער אמאל ארונטערגעשיקט. אזוי ווי די פירמע האט זיך ווידער אנטזאגט צו רעאינסטייטען די אפערייטארס, האט דער אפיס געארדערט דעם שאפ צו סטאפען פון דער ארבייט, ביז די צוויי אפערייטארס וועלען רעאינסטייטעט ווערען. דער שאפ האט זיך אבער אנטזאגט אויסצופירען דעם ארדער פון דער יוניאן און אנשטאט צו קומען אין אפיס אריין, האבען זיי געארבייט און דערצו נאך האבען איינינע אפערייטארס געווארענט די פארשטעהער פון דער יוניאן, דאס אייב זיי וועלען ארויפקומען אין שאפ, וועלען זיי אטאקירט ווערען. מאנטאג האט דער אפיס ווידער געארדערט דעם שאפ צו סטאפען פון דער ארבייט, אבער זיי האבען זיך אנטזאגט.

דינסטאג האט א קאמיטע פון ביזנעס איידזשענטס באזוכט דעם שאפ. אלע, מיט דער אויסנאמע פון די 4 אפערייטארס, וועלכע זיינען געווען די „רינגלידערס", האבען געסטאפט פון דער ארבייט. נאך א סטרייק פון א טאג און א האלב, האט די פירמע צוגעשטימט צו רעאינסטייטען די צוויי אפערייטארס און די לייטע זיינען צוריקגעשיקט געווארען צו דער ארבייט מיט דער אויסנאם פון די 4 אפערייטארס, וועלכע האבען געסקעבט און וועלכע ווערען גערופען צו דער גריוועגס קאמיטע פון לאקאל 1.

ברודער בראדפילד באריכטעט, אז אין די מאנאטען פון מאי 15טען ביז אויגוסט 15טען, האט זיין אפיס סעטעלעט צו 342 קאמפליינטס. די קאמפליינטס זיינען ווי פאלגט:

קאנטראלירט — — — —	162
נאן־יוניאן אינטערזוכונגען	102
קאמפליינטס — — —	58
נייע סעטלמענטס — —	10

אייבראהאם דארנא: — דער אפיס האט געקראגען א קאמפליינט, אז די פירמע צווינגט איהרע ארבייטער צו ארבייטען ניט רעגולערע שטונדען און אז די ארבייטער ארבייטען פון שטיק אנשטאט פון וואך. דער שאפ איז ערקלערט געווארען אין סטרייק. נאך א א סטרייק פון עטליכע טעג האט די פירמע געמאכט אן אגרימענט און אויך דעפאזיטעט א קעש סעקיוריטי מיט דעם אפיס, אז זי וועט נאכקומען יוניאן באדינגונגען.

טשאס. האוסמאן: — די פירמע איז א באנ״ער קאנטראקטאר, און ארבייט פאר דער פירמע ה. סאראווסקי. דער אפיס איז אינפארמירט געווארען אז די פינישינג אין די גארמענטס ווערט געמאכט אין סאראווסקי׳ס אינסייד שאפ. דער שאפ איז דעריבער ערקלערט געווארען אין סטרייק. נאך א סטרייק פון עטליכע טעג האט דער קאנטראקטאר צוגעשטימט צו ענגיידזשען פינישערס און פרעסערס און פון איצט אן און ווייטער וועט דער גאנצער גארמענט געמאכט ווערען ביים קאנטראקטאר אין שאפ. דער קאנטראקטאר האט אויך דעפאזיטער א קעש סעקיוריטי מיט דער יוניאן, אז ער וועט נאכקומען דעם אגרימענט.

באראן בראדערס: — דער אפיס האט געקראגען א קאמפליינט, אז דער קאנטראקטאר מאכט ארבייט פאר מאריס ליווי, א סטרייקענדער שאפ. נאך אן אונטערזוכונג, האט דער אפיס געפונען דעם קאמפליינט צו זיין ריכטיג. דער שאפ איז געסטאפט געווארען. נאך א סטאפעדזש פון איין טאג האט דער קאנטראקטאר צוגעשטימט צוריקצושיקען די ניט געפינישטע ארבייט. די ארבייטער זיינען דאן צוריקגעגאנגען צו דער ארבייט.

וויינמאן און שניידער: — די פירמע האט זיך ענטזאגט צו ענגיידזשען צוויי פון די אלטע ארבייטער, נאכדעם ווי די פירמע האט געמופט אין דעם הארלעמער דיסטריקט. דער קאמפליינט איז אויפגענומען געווארען און די פירמע האט צוגעשטימט צו ריאינסטייטען די צוויי ברידער.

לייטמאן און גלאס: — דער שאפ באלאנגט צו א קאנטראקטאר, וועלכער ארבייט פאר ה. סאראווסקי. דער אפיס האט געקראגען א קאמפליינט, אז די ארבייט צו פינישען ווערט געשיקט אין דעם אינסייד שאפ פון סא־אווסקי. דער שאפ איז ערקלערט געווארען אין סטרייק. נאך א סטרייק פון דריי טעג האט דער קאנטראקטאר צוגעשטימט צו מאכען די גאנצע ארבייט אין זיין שאפ אין דער צוקונפט. ער האט אויך דעפאזיטעד א קעש סעקיוריטי מיט דעם אפיס אז זיי וועלען נאכקומען די יוניאן באדינגונגען.

ברודער רובין באריכטעט, אז זיין אפיס האט סטאפעדזשעס אין די פאלגענדע שעפער: — דזשאדזש וואוד, דזשאזעף עקסטין, פאקס און פאלאק, באום און קאץ און ל. גאלדשטיין. די ארבייטער פון די שעפער באהויפטען, אז זייערע פירמעס גיבען זיי ניט קיין ארבייט ווייל זיי שיקען ארויס ארבייט אין אויטסייד שעפער.

וועגען די סטאפעדזשעס ביי דזשאזעף עקשטיין און דזש. ע. וואוד, באריכטעט ברודער רובין, אז די אסאסיאיישאן האט אריינגעשיקט צוויי לעטערס אין וועלכע זי פראטעסטירט געגען די סטאפעדזשעס.

די יוניאן האט אויף די צוויי לעטערס געענטפערט ערקלערענדיג איהר שטאנדפונקט וועגען די צוויי סטאפעדזשעס. אין צוזאמענהאנג מיט די צוויי אויבענדערמאנטע קייסעס, ערקלערט דער מענעדזשער פון דעם פראטעקטיוו דעפארטמענט פאלגענדעס:

די ארבייטער פון עקסטין זיינען צוריקגעגאנגען צו דער ארבייט און די קייס וועט אויפגענומען ווערען פון די טשיף קלוירקס פון דער יוניאן און די אסאסיאיישאן. וואס אנבאלאנגט דזש. ע. וואוד, ערקלערט ברודער רובין, אז דער סטאפעדזש האלט נאך אן.

ל. לאנגער, סעקר.

טעטיגקייטען ביי די אינטערנייטשאנאל לאקאלס אין באסטאן און אומגעגענד

פון א באאבאכטער.

ווייסט און דרעס מייקערס לאקאל 49.

דער לעצטער מיטינג פון די טשערליידיס און פרייז־קאמיטעס איז געווען גאנץ גוט באזוכט. די הויפט־פראגע, וועגען וועלכער מען האט דיסקוטירט, איז נאטירליך געווען די פראגע וועגען סעטלען פרייזען, וואס דאס איז פון דער העכסטער וויכטיגקייט אין א טרייד, וואו מען ארבייט פון שטיק. די באאמטע פון דער יוניאן האבען אויפמערקזאם געמאכט די פארזאמעלטע, דאס אין געוויסע שעפער ווערען געסעטעלט פרייזען, וועלכע זיינען באדייטענד נידריגער, ווי דער מינימום, וואס איז פארגעשריבען אין דעם אגרימענט מיט די באלעבאטים. דארט, וואו עס זיינען געבראכט געווארען קלאגען, האט די יוניאן אויסגעפיהרט צו איבערסעטלען די פרייזען. אבער עס איז פיל לייכטער צו סעטלען ריכטיג דעם פרייז פון א גארמענט, איידער איבערסעטלען איהם. אחוץ דעם, וואס עס פיהרט צו פיל אוננויטיגע קריגערייען צווישען דער יוניאן און בעלי־בתים.

דאס האט געפיהרט צו א גאנץ לעבעדיגער דיסקוסיע, אין וועלכער פילע מעמבערס האבען אנטייל גענומען, און מיר האפען, דאס איצט וועלען געמאכט ווערען ווענינער מיסטייקס אין סעטלען פרייזען.

אויך זיינען פארגעבראכט געווארען די צוויי פראגען וועגען דעם 4־דאלארדיגען טעקס פאר דער אינטערנעשאנאל, און וועגען דער איינבויאונג פון א יוניטי הויז. אבער עס איז באשלאסען געווארען אויפצונעהמען זיי אויף אן אלגעמיינעם מעמבער־מיטינג, וואס וועט זיין דעם 17טען סעפטעמבער, גלייך נאך דער ארבייט, אין פעין מעמאר׳על האל, 9 אפעלטאן סט. די טשערליידיס, וואס זיינען געווען ביים מיטינג, האבען זיך פארפליכטעט צו מאכען פאפולער די אידעע פון א יוניטי הויז צווישען די מעמבערס, וועלכע ארבייטען אין זייערע שעפער. מיט זייער הילף זיינען מיר זיכער מיט אן ערפאלג.

אויף דעם דזשענעראל מעמבער־מיטינג וועלען אויך פארקומען וואהלען פאר באאמטע און פאר מעמבערס פון דעם עקזעקוטיוו באארד. מיר ווילען אויפפאדערען איינינע פון די מעמבערס, וועלכע האבען זיך אנגעשלאסען אן דער יוניאן אין דער צייט פון דזשענעראל סטרייק, און וועלכע זיינען זייט דאן געווען זעהר אקטיוו אין זייערע שעפער, אויסצובריייטען זייער טעטיגקייט אין אנגעהמען אלס מעמבערס פון עקזעקוטיוו באארד. עס איז ניט ריכטיג צו פארלאנגען, אז די זעלבע ווענינע מיידלאך, וועלכע האבען געטראגען די לאסט פון דער יוניאן יאהרען־לאנג, זאלען דאס אייביג טאן. דיזע אקטיווע מעמבערס וועלען אימער זיין אויפ׳ן פלאץ, ווען מען וועט זיי דארפען אין פאל פון נויט. אבער איצט, ווען אלעס זעהט אויס צו זיין רוהיג און פרידלאך, וואלט עס געווען נים מעהר, ווי רעכט, דאס איינינע פון אונזערע נייע מעמבערס זאלען זיך באטייליגען אין דער טאג־טעגליכער ארבייט פון דער יוניאן.

וואטער־פרוף גארמענט ווארקערס לאקאל 7.

אין זעלבען נומער „גערעכטיגקייט" האבען מיר געזאגט, דאס מיר ערווארטען, דאס כמעט אלע „אונאפהענגיגע" רייגקאוט מאנופעקטשורערס וועלען סעטלען מיט דער יוניאן קומענדע וואך. אבער מיר האבען געמאכט א מיסטייק. נים נאר האבען די „אינדעפענדענטס" געסעטעלט, נאר אויך די גאנצע אסס׳ן. אין אנפאנג האט די וואטער־פרוף גארמענט מאנופעקטשורערס אסס׳ן געטרייט נאכצומאכען זייערע שיקאגא׳ער קאלעגען אין דרעס־טרייד, און זיך געווענדעט צום קאורט פאר אן אינדזשאנקשאן, אום צו שטערען אונזערע מעמבערס צו פיקעטען אדער אין אירגענד אן אנדער וועג שטערען זיי אין זייערע ביזנעס. אזוי ווי זיי וואלטען געקענט מאכען ביזנעס אהן אונזערע מעמבערס! דאס פיקעטען איז געווען בלויז אן אנשטעל, ווייל א סקעב האבען זיי נים געקענט קריגען פאר א רפואה. און ביי דעם ערשטען פארהער האט דער לאיער פון דער אסס׳ן געפאדערט, אז דער רושאדזש זאל אפלעגען די פראגע וועגען אן אינדזשאנקשאן פאר א וואך צייט. צוויי טעג שפעטער איז פארגעקומען א קאנפערענץ צווישען דער יוניאן און דער אסס׳ן, און אן אגרימענט איז געשלאסען געווארען. דער אגרימענט וועט, נאטירליך, דארפען גוטגעהייסען ווערען פון דער מעמבערשיפ פון ביידע ארגאניזאציעס. מיר זיינען זיכער, דאס די מעמבערס פון דער יוניאן וועלען איהם אננעהמען איינשטימיג, ווארים דער אגרימענט ערפילט פראקטיש אלע אונזערע געשטעלטע פאדערונגען.

דער פאל מיט דעם סטרייק איז, ווי מיט יוליוס צעזאר אמאל, וואס איז געקומען געזעהן און געזיגט. און אלץ דערפאר, ווייל אונזערע מעמבערס, ווי זיי מעגען זיין פארשיידען אין זייערע פאליטישע מיינונגען, קומט אבער צו דער פראגע פון וואוילזיין פון דער יוניאן, זיינען זיי אלע איינס. זייער פארטינקייט צו ברענגען אפפער, ווען די אינטערעסען פון דער יוניאן זיינען אין קאן, איז דער הויפט־פאקטאר אין אלע זייערע זיגע.

לאקאל 7 פארדינט זיכער די גראטולאציאנען פון די אנדערע לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל אין באסטאן און פון איבעראל.

אן אינדזשאנקשאן־פראצעס האט אויך אנגעפאנגען די פירמע טורין קלאדהינג קא. די דאזיגע פירמע האט געהאט אן אפען שאפ, ביז דער דזשענעראל־סטרייק איז גערופען געווארען. די יוניאן ארבייט, אום צו ארגאניזירען די ארבייטער פון דער פירמע, און זי וויל עס שטערען דער יוניאן דורך אן אינדזשאנקשאן. מיר ווילען גלויבען, אז דער קאורט וועט נים אוועקנעהמען פון אונז אונזער קאנסטיטוציאנעלעס רעכט צו געברויכען די פרידליכע מיטלען פון איבערצייגען די ארבייטער, דאס עס איז אין זייערע אינטערעסען צו זיין ארגאניזירט.

שיקאגא׳ער דזשאינט באארד ערוועהלט נייע בעאמטע

אויף דעם מיטינג פון לעצטען פרייטאג זיינען אינסטאלירט געווארען פאר דעם נעקסטען יאהר בעאמטע פון דזשאינט באארד. די ניי־ערוועהלטע זיינען: ברודער מאקס נאוואק, טשערמאן פון לאקאל 5, איז ערוועהלט געווארען אלס טשערמאן פון דזשאינט באארד; ברודער שער, טשערמאן פון לאקאל 59, איז ערוועהלט געווארען אלס וויס־טשערמאן; ראפאפארט, פון לאקאל 54, אלס רעקארדינג סעקרעטער; ס. קויפמאן, פון לאקאל 100, טראסטי; ד. גליק, פון לאקאל 18, אינסייד גארד; ד. גלאסמאן, פון קאטערס לאקאל, טשערמאן גריוועגס קאמיטע; ה. הענאך, אקאונטענט, אלס בוק־קיפער און טרעזשורער.

ווייל וויס־פרעזידענט פערלשטיין איז געווען אין קליוולאנד האט ברודער ביאליס, לייבאר מענעדזשער פון דזשאינט באארד, אינסטאלירט די נייע בעאמטע, אנווייזענדיג אין זיין רעדע אויף די גרויסע אויפגאבען און פליכטען פון די בעאמטע צו זייער ארגאניזיישען.

ליידיס טיילארס, ל. 38

פילע פראגען פון גרויס וויכטיגקייט וועלען אויפגענומען ווערען אויף די ארגאנזשירטע מיטינגען פאר די קומענדע עטליכע וואכען. איינע פון די וויכטיגסטע פראגען, וואס די מעמבערס דארפען וויסען און פארהאנדלען איז וועגען דעם געפלאנטען ארגאניזאציאנס קאמפיין אין אונזער טרייד פאר דעם באלד אנקומענדען סיזאן. קיין מעמבער טאר נים פארפעלען צו קומען צו דיזע מיטינגען. די פאלגענדע מיטינגען וועלען געהאלטען ווערען:

א דזשענעראל מעמבער מיטינג וועט געהאלטען ווערען דעם 4טען סעפטעמבער, אין הארלעם סאשעליסט סענטער, 62 איסט 106טע סטרים.

א דאון טאון דיסטריקט מיטינג וועט געהאלטען ווערען דעם 6טען סעפטעמבער, אין אסטאריא האל, 62 איסט 4טע סטרים.

אן אפ־טאון דיסטריקט מיטינג וועט געהאלטען ווערען דעם 13טען סעפטעמבער, אין לעסלעי האל, 260 וועסט 83טע סטרים.

די אלע מיטינגען וועלען זיך אנהויבען גלייך נאך דער ארבייט.

מיט גרוס,

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 38.

ב. דרייזין, סעקרעטער.

זירענט פון דער יונייטעד מיין וואיר-
קערס יוניאן.

באטראכט. די גאנצע פרעסע איז
פול מיט דעם געשריי: גוואלד, דער
פובליקום! ווי קענסטו, לואיס, מאכען
דעם גאנצען פובליקום ליידען פאר דיינע
ביסעל מיינערס? ענטפערט לואיס גאנץ
פראסט: דער פובליקום צאהלט מיר
ניט מיינע ווייזשעס. עס איז די מיי-
נערס יוניאן, ביי וועלכער איך בין א
באצאהלטער אנגעשטעלטער. נאר איהר
בין איך מחויב צו ווידמען אלע מיינע
כחות, אז זי זאל קריגען אלעס, וואס
קומט איהר. דאס צו זאגען, דארף מען
האבען ווירקליך מוט, ווייל מיט עטוואס
א בייזען ווילען קען מען דאך די דאזיגע
ווערטער אויסטייטשען אין דעם זין פון
די ווערטער פון דעם פארשטארבענעם
דזשיי. גולד: „דהי פאבליק בי דעמנד".
געוויס מיינט עס ניט פרעזידענט לו-
איס. ער האט גארניט צום פובליקום,
אבער אין דער זעלבער צייט האט ער
דעם נויטיגען מוט צו זאגען, אז אין
דעם מאמענט אינטערעסירט איהם נאר
איין זאך: אויסצוקעמפען, וואס ער קען
נאר, פאר די, פאר וועמען ער ארבייט,
פאר די, צו וועמען ער האט זיך פאר-
פליכטעט. זייערע אינטערעסען זיינען
פאר איהם דאס סאמע העכסטע. דאס
איז, און אזוי דארף זיין, דער ענטפער
פון אן אמת'ען יוניאן-פיהרער. עס איז
גארניט נויטיג פאר איהם זיך אריינ-
צולאזען אין א פלפול וועגען דעם, וואס
איז עס אט דער פובליקום, און פאר וואס
דארף ער עס האבען אין זינען דעם
פובליקום, וואס האט דער פובליקום
אזוינס געטאן פאר איהם און פאר זיין
יוניאן. ניין, זיין ענטפער איז דירעקט:
איך בין אנגעשטעלט פון דער יוניאן,
איהר דין איך, צו אנדערע האב איך ניט
און פיהל ניט קיין פאראנטווארטליכ-
קייט.

נאר מיט אזא פעסטקייט קען איי-
נער ווירקליך אויסהאלטען די גאנצע
מורא'דיגע אטאקע פון אונזער פרעסע,
וועלכע אט סטראשעט זי, אט שמייכעלט
זי זיך אונטער, און זאגט צו, צווישען
די שורות, נאטירליך, אלערליי גליקען,
ווען ער וועט נאר ניט זיין אזא עקשן,
ווען ער וועט נאר זיך לאזען אביסעל רע-
דען. איינער דארף האבען א זעהר גע-
זונטען קאפ אויף די פלייצעס אום צו
קענען איגנארירען די לויב-געזאנגען,
ווי די פארשידענע אינסוניאציעס, אום
זיך ניט צו פארלירען און צו געהן
דעם גלייכען וועג פון ערפילען זיינע
פליכטען פול און גאנץ צו דער יוניאן,
וועלכע האט פארטרויט איהר שיקזאל,
איהר לעבען אין זיינע הענט. וואויל
דער יוניאן, וואויל דער באוועגונג, וועל-
כע האט אזעלכע שטארקע, פליכט-גע-
טרייע פיהרער. וועה צו דער יוניאן, ווען
איהרע „פיהרער" זיינען שוואך, צו-
קראכען, סענטימענטאל, און וועלכע ווע-
רען באאיינפלוסט און באוועגט פון דעם
מינדסטען ווארט פאר אדער געגען זיי.
די זיינען אמווייניגסטען פאסענד צו
זיין די פירער פון אן ארבייטער-יוניאן
אין א צייט, ווען כאראקטער-פעסטקייט
איז אזוי דרינגענד נויטיג.

ריינקאוט-מייקערס אין באסטאן פאלשטענדיגע זיגער.

אונזער נבואה, אז דער סטרייק פון
אונזערע ריינקאוט-מאכער אין באסטאן
פון לאקאל 7 וועט לאנג ניט אנהאלטען,
און דאס זיי וועלען איינגיכען האבען א
פולשטענדיגען זיג, איז מקוים געווארען
פיל גיכער ווי מיר האבען ערווארט. און
באמת איז עס גאר א קנאפער וואונ-דער.
דארט, וואו די ארבייטער זיינען הונ-
דערט-פראצענט איינינ, דארט מוזען זיי
זיי זיין זיגרייך. אויך דארט האבען די
באלעבאטים פרובירט דעם אינדזשאנק-
שאן-רעצעפט פאר זייער קראנקהייט,
אבער זיי האבען באלד דערפילט, ווי
לעכערליך זיי מאכען זיך. אן אינדזשאנק-
שאן קען אמאל העלפען דארט, וואו עס
איז דא א סקעב, וואס מען דארף אי-
בעררעדען צושטעהן צו די סטרייקערס,
אבער אן אינדזשאנקשאן דארט וואו עס
איז ניטא קיינער, וואס זאל סקעבען,
קאן פונקט אזוי העלפען די באסעס ווי
א טויטען באנקעס-שטעלען. „דאס הא-
בען אלע באסעס, סיי די „אינדעפענ-
דענט" און סיי די אסס'ן-באסעס באלד
איינגעזעהן, און זיי האבען דערפילט, אז
זיי האבען ניט קיין אנדער ברירה ווי
נאכצוגעבען די פאָרערונגען און סעט-
לען מיט דער יוניאן.

מיר גראטולירען דארום נאך אמאל
די בראווע פאראייניגטע ארמיי פון לא-
קאל 7 מיט איהר גרויסען זיג. מיר ווי-
לען זיי מאכען דעם קאמפלימענט פון
זיין א מוסטערהאפטע יוניאן, פון וועל-
כע פילע אנדערע מעגען נעמען א ביי-
שפיל. מיר גראטולירען ווייס-פרעזידענט
מאנעסאן, אלס דעם גענעראל פון זיין
זיגרייכער ארמיי, מיר גראטולירען די
גאנצע סטרייק-קאמיטע, דעם גאנצען
שטאב, וואס האט אזוי געשיקט געפירט
די ארמיי צום זיג. עס איז ווירקליך אן
אמת'ער גענוס צו הערען אזעלכע פריי-
ליכע בשורות אין דער איצטיגער צייט,
וואס איז פול מיט אלערליי איוב-פאס-
טען.

א וויכטיגער בוך, ווערט איבערצו-לייענען.

מיר האבען נאר וואס געענדיגט ליי-
ענען א זעהר וויכטיגען בוך אין ענגליש
פון דעם צו-פרי-פארשטארבענעם גלען
ע. פלאמב. דער נאמען פון בוך איז
„אינדאסטריעל דעמאקראסי", און מיר
האלטען פאר וויכטיג צו רעקאמענדירען
דאס בוך צו אלע אונזערע לעזער, וואס
קענען לייענען ענגליש. עס איז א בוך,
וואס וועט זיי מאכען נאר זעהר פיל צו
דענקען איבער די סאמע וויכטיגסטע
פראבלעמען פון אונזער צייט. מאנכע גע-
דאנקען און טעאריען אין דעם בוך זיינען
אמת אריגינעלע און גאנץ טיף דורכגע-
טראכטע. מיר וועלען אין דער נאהענטער
צוקונפט געבען א גאנץ גרינדליכע בא-
טראכטונג איבער דעם בוך. דערווייל
מוזען מיר זיך באגנוגענען מיט די עטלי-
כע ווערטער.

די קלאוק און דרעס אינדוסטריע, איהרע פראבלעמען און צוקונפט

(פארטזעצונג)

עס איז זעהר וויכטיג צו זיין קלאר
וועגען דעם פונקט. אמת, אלע עקאנא-
מיסטען זיינען צווישען זיך אייניג, אז
וואך-ארבייט איז פון גרויסען נוצען פאר
די ארבייטער. זיי ערקלערען, אז אין
וואך-ארבייט איז ניטא דער עלעמענט פון
יאגעניש, דאס דער ארבייטער טוט נאר
א מענשליכען טאג ארבייט,
האלט אויף זיין ענערגיע, פראדוצירט ווע-
ניגער, און דערמיט ווערט באשאפען א
פאדערונג פאר מעהר ארבייטער, און דאס
אליין ברענגט שוין, אז דער ארבייטס-
פרייז זאל שטייגען, און ז. וו., און ז. וו.

דאס אלעס איז אמת, אבער דאס איז
ניט אמת אין אן אינדוסטריע, וואו דער
מאנופעקטשורער האט די מעגליכקייט צו
מאכען זיין ארבייט אויף צווייער-
ליי פרייזען; עס איז ניט אמת אין
אן אינדוסטריע, וואו דער מאנופעקטשו-
רער איז פריי אויסצואוועהלען צווישען
זיינע אינסייד- און אויטסייד-ארבייטער,
צווישען בעסער-באצאהלטע און ערגער-
באצאהלטע ארבייטער. אז דער דזשא-
בער האט עקזיסטירט, איידער עס איז
איינגעפיהרט געווארען וואך ארבייט, איז
אמת, און צוליב דער אורזאכע, וואס מיר
האבען אנגעגעבען, ווייל די פראדוק-
ציאנס-מעטאדע אין דעם קאנטראקטאר-
שאפ איז געווען מעהר צוציהענד פאר
דעם מאנופעקטשורער. אבער עס איז א
פאקט, דאס די איינפיהרונג פון וואך-אר-
בייט האט געגעבען א שטארקען אימפולס,
א שטארקען שטויס פארווערטס, צו דער
אנטוויקלונג פון דעם קאנטראקטינג-סיס-
טעם, ווייל די וואך-ארבייט האט באדיי-
טענד פארגרעסערט דעם פרייז פון אר-
בייט אין די אינסייד-שעפער אין א פיל
גרעסערער מאס, ווי אין די אויטסייד-שע-
פער, וועלכע זיינען פיל קלענער, און וואו
די אויפפאסונג איז און קען זיין א פיל
שטארקערע.

און אזוי האט די איינפירונג פון וואך-
ארבייט נאך פיל מעהר פארשטארקט דעם
אונטערשיד אין ארבייטס-קאסט צווישען
דעם אינסייד- און אויטסייד-שאפ, און
דער דזשאבער האט, נאטירליך, געטאן
זיין בעסט, אז די דאזיגע אויטסייד-שע-
פער זאלען זיך וואס מעהר פארמעהרען.

מיר מעגען דארום אנגעהמען, אז וואך-
ארבייט איז געווען אן אורזאכע, אבער
ניט די איינציגע פון דער אזוי רעש'יגער
אנטוויקלונג פון דעם קאנטראקטאר-שאפ.
יעדער פארטשרים, יעדער זיג פון דער
יוניאן אין ווייזשעס, אין שאפ-צושטענ-
דע, אין שטונדען, סיי פאר און סיי נאך
דער איינפיהרונג פון וואך-ארבייט, איז
געפאלען שווערער אויף דעם אינסייד-
שאפ, ווי אויף דעם אויטסיידינען, און
דאס האט געמאכט אלץ גרעסער זיין ווערט
פאר דעם מאנופעקטשורער.

עס איז גאנץ ריכטיג אנצונעהמען,
דאס וואך-ארבייט אין אן אינדוסטריע
פון אינסייד-מאנופעקטשורינג, איז זעהר
גוט פאר די ארבייטער, אבער עס איז נאך
א זעהר גרויסע פראגע, אויב דאס איז
אזוי אין אן אינדוסטריע, וואו דער
קאנטראקטאר-שאפ עקזיסטירט. דעם
באוויז פאר דעם קענען מיר געפינען אין
דער דרעס-אינדוסטריע. די דרעסמיי-
קערס זיינען צוטיילט אין זייערע מיי-
נונגען וועגען דער גוטסקייט פון וואך-
ארבייט. דער ארבייטער איז געניינט צו
באטראכטען די דאזיגע פראגע לויט זיין
פערזענליכער ערפאהרונג. אויב ער קען
פארדינען, לויט זיין מיינונג, גענוג ביי
שטיק-ארבייט, איז ער צו גונסטען פון
שטי-קארבייט. פארקעהרט, אויב דער

פון בערנארד אקערמאן.

שטרייט וועגען פרייזען האט פארבי-
טערט איהם דאס לעבען, איז ער צו גונ-
סטען פון וואך-ארבייט. אבער מיר זיי-
נען ניט פאראינטערעסירט אין די פער-
זענליכע מיינונגען פון דעם אדער יענעם
ארבייטער; מיר זיינען פאראינטערע-
סירט אין דער עקאנאמישער ווירקונג פון
וואך-ארבייט אויף דער גאנצער אינדוסט-
ריע, און מיר געפינען אין דער דרעס-
אינדוסטריע פאלגענדע ערשיינונג: דארט
זיינען דא א פאר הונדערט קאנטראקטאר-
שעפער, וואו עס איז איינגעפיהרט וואך-
ארבייט. די דאזיגע שעפער ארבייטען
פאר די דזשאבערס אזוי גוט, ווי הונ-
דערטער אנדערע שעפער, וואו עס ווערט
געארבייט שטיק-ארבייט, און זיי קאנ-
קורירען מיט ערפאלג פאר דעם דזשא-
בער'ס ארבייט. עס איז דארום קלאר,
אז ווען די ארבייטער פון די פיר הונ-
דערט שעפער, וואו עס איז איינגעפיהרט
וואך-ארבייט, וואלטען געווען אין איר-
גענד וועלכער הינזיכט בעסער אפ, ווי די
ארבייטער אין שעפער, וואו עס הערשט
די סיסטעם פון שטיק-ארבייט, וואלטען
די קאנטראקטארס פון די שעפער מיט
וואך-ארבייט ניט לאנג געקאנט שטעהן
אין ביזנעס אין דער איצטיגער צייט,
ווען די קאנקורענץ איז אזוי שארף. דער
פאקט אבער איז, דאס זיי מאכען אזעל-
כע גוטע ביזנעס, ווי די קאנטראקטארס,
אין וועמעס שעפער עס ווערט געארבייט
פון שטיק, און פון דעם מעגען מיר צי-
הען דעם גאנץ לאגישען שלוס, אז די
וואך-ארבייט אין איהר אמת'ען זין איז
ניט מעגליך אין א קאנטראקטאר-שאפ,
און גיט ניט די ארבייטער דעם נוצען
וואס ווערט צוגעשריבען צו וואך-אר-
בייט.. דער ארבייטער אין אזא שאפ
ארבייט נישט לייכטער, און כאטש ער
ווערט באצאלט פון וואך, ווערט ער
אבער געצוואונגען צו מאכען א בא-
שטימטע צאהל גארמענטס, וואס דאס
איז אידער נאר די שטיק-סיסטעם בלויז
אונטער אן אנדער נאמען.

פארשענדיג אין די אורזאכען פון
דעם וואוקס פון דעם אויטסייד-שאפ
און דעם דזשאבער, קענען מיר זאגען,
אז די אורזאכען, וואס האבען געפיהרט
צו זייער ענטוויקלונג זיינען געווען
צוויי ערליי: ערשטענס, האט דער מא-
נופעקטשורער זיך אנגעכאפט אן די גע-
לעגענהייט צו מאכען זיין ארבייט וואס
ביליגער און צווייטענס, זיין גרויסער
פארלאנג, צו באפרייען זיך פון דעם
יוניאן-קאנטראל. און איצט וועלען מיר
באריהרען נאך א פאקטאר, וועלכער
איז פארהעלטניסמעסיג גאנץ יונג, וואס
האט באדייטענד פארשנעלערט דעם
פראצעס. דער פאקטאר איז א קא-
מערציעלער, און וועמעס ווירקונג אויף
די ארבייטער-צושטענדע און אויף די
צוקונפט פון דער אינדוסטריע איז פון
דער העכסטער וויכטיגקייט.

איידער די סיסטעם פון קאנטראקט-
שעפער איז אזוי גרויס אויסגעוואקסען,
האט דער מאנופעקטשורער געקאנט
פראדוצירען בלויז א געוויסע ליין אר-
בייט. מיט דעם אנקומען פון די הונ-
דערטע קליין-שעפער איז די דאזיגע
באשרענקונג פאר דעם מאנופעקטשורער
אין זיינע פעהיגקייטען פארשוואונדען.
דורך אן אויסוואל פון קאנטראקטארס
האט ער אויסגעפירט צו פראדוצירען
אן אומבאגרענעצטע צאהל סטיילס און
אלערליי סארטען, ביליגע און זעהר
קאסטבארע גארמענטס. ער האט, אויב
ער האט נאר געוואלט, ניט נאר בלייבען
א קלאוק מאנופעקטשורער אדער א דרעס
מאנופעקטשורער, נאר ווערען ביידע
גלייכצייטיג. באנוצענדיג זיך מיט דער
דאזיגער געלעגענהייט, האט זיך דער
מאנופעקטשורער אויסגעשפרייט, ער
האט זיך באפרייט פון זיינע פראדוק-
ציאנס-שווערינקייטען און האט קאנ-
צענטרירט זיין גאנצען כוח אויף זיין
פארקויף-דעפארטמענט. מאנופעקטשו-
רערס, וועלכע האבען ביז איצט פאר-
קויפט פאר א האלבען מיליאן דאלאר
גארמענטס, האבען פארדאפעלט און פאר-
דרייפאכט זייער ביזנעס. היינט מאכען
ביזנעספילע דזשאבערס. פאר צוויי, דריי
מיליאן א יאהר, און דאס ווערט גארניט
געהאלטען פאר צופיל. איינינע דזשא-
בערס האבען שוין דערגרייכט צו מאכען
א יעהרליכע ביזנעס פון זיבען און
אכט מיליאן דאלאר, און האלטען אין
איין וואקסען. פאר די דאזיגע האט
דער אינסייד-שאפ פארלארען זיין גאנצע
וויכטיגקייט, און איז טאקע פון זיי
אויפגעגעבען געווארען. זיי באנוצען זיך
מיט די הונדערטע אויטסייד שעפער
פאר זייערע פאדערונגען. די דאזיגע
ריזען-דזשאבערס זיינען אבער אין דער-
זעלבער צייט אין א שארפער קאנקו-
רענץ איינע מיט די אנדערע, און זיי
מוזען פארקויפען זייער סחורה אזוי
ביליג ווי מעגליך. און דאס קענען זיי
אויך, ווייל פארקויפענדיג א מיליאן
גארמענטס יעהרליך, קען זייער „אווער-
העד" עקספענסעס פער גארמענט גע-
רעכענט ווערען אין סענטען, ווערענד
די אווערהעד-עקספענסעס פון דעם אינ-
סייד מאנופעקטשורער קענען גערעכענט
ווערען אין דאלארס. דער גרויסער
דזשאבער וואס קויפט זיין ווארע אין
גרויסע קוואנטיטיס, קריגט איהר פיל
ביליגער, ווי דער אינסייד מאנופעקטשו-
רער, באנוצט זיך מיט א בעסערע סיס-
טעם און קען קריגען א גרעסערע מציאה
ביי דעם קאנטראקטאר. דער קליינער
אינסייד-מאנופעקטשורער ווערט ממש
צוגעדריקט צו דער וואנט. דער דזשא-
בער קען פארקויפען זיינע גארמענטס
מיט א נעטען פראפיט פון 3 אדער 5
פראצענט, און דאך מאכען א יעהרלי-
כען פראפיט פון הונדערטע טויזענדער
דאלארס דורך דעם פאקט, וואס ער
פארקויפט אזוי פיל. דער קליינער אינ-
סייד מאנופעקטשורער קען עס ניט,
זיין פרייז פער גארמענט מוז דארום
זיין באדייטענד א העכערער. דאס
מאכט, אז דער קליינער אינסייד-מא-
נופעקטשורער מוז סוף-כל-סוף ארויס
פון ביזנעס, און אפילו דער קליינער
דזשאבער געפינט אפט די קאנקורענץ
פון דעם גרויסען דזשאבער פאר צו שווער
בייצוקומען, און אפט ווערט ער ארויס-
געשטופט פון ביזנעס. דער איינפלוס
פון דעם דזשאבער פארשפרייט זיך אויף
יעדען ווינקעל פון דער אינדוסטריע.
אפילו די זעהר קאסטבארע מאטעריא-
לען ווערען געבראכט אונטער זיין איינ-
פלוס און וואס מער דער טריאומף-
מארש פון דעם דזשאבער האלט אן,
דאס קלענער ווערען די שאנסען פון
עקזיסטענץ און פון מאכען ביזנעס פאר
דעם אינסייד-מאנופעקטשורער און די
אויסזיכטען זיינען פאר די צוקונפט זיי-
ענען זעהר און זעהר ניט קיין גלענצענדע.

דער גרעסערער דזשאבער, ווי מיר
האבען שוין געזאגט, איז צופרידען מיט
א נעט-פראפיט פון דריי אדער פיר
פראצענט. איינפאכער גערעדט, זיין גאנ-
צער פראפיט אויף א גארמענט פון 10
דאלאר, איז דרייסיג, פערציג סענט. דער
פראפיט ווערט גערעכענט אין סענטען.
אבער די קאנקורענץ וויל, אז די גאר-
מענטס זאלען זיין נאך ביליגער. די קאנ-
קורענטען באטען אן דעם גארמענט פאר
ניין דאלאר, און דער דזשאבער נעהמט
זיך ווידער צו זיין קאנטראקטאר. דער
קאנטראקטאר האט שוין געהאט זיין גאל-
דענע צייט פון פיינע פארדינסטען. דער
דזשאבער האט איהם ערמונטערט, אלס
סאב-מאנופעקטשורער, האט איהם מיט
דער גרעסטער צערטליכקייט געמאכט
פאר זיין העלפער, און זיין שאפ פאר זיין
הילף-שאפ, און גליקליך מיט דעם, וואס
א דאנק דעם קאנטראקטאר האט ער זיך
געראטעוועט פון אלערליי יוניאן-בא-
שרענקונגען, פלעגט ער איהם צוואווארפען
נאך א האלבען דאלאר אויפ'ן גארמענט.
ביזנעס איז געווען גוט, האט ער זיין
ערלייזער אויך עפעס צוגעווארפען, אבער
דער ערלייזער האט באלד געמוזט געא-
פערט ווערען אויף דעם מזבח פון פרא-
פיט, ווארים ביזנעס ווייס ניט פון קיינע
סענטימענטען, און די פרייזען האבען,
צוליב קאנקורענץ, געמוזט אלץ מעהר
פאלען. נאטירליך, האט דער קאנטראק-
טאר געמוזט זוכען מיטלען, און ער האט
זיי געפונען אין ביליגערע פראדוקציאנס-
מעטאדען. אנשטאט צו באשעפטיגען א
קאטער, האט ער אליין זיך געשטעלט ביי
דער ארבייט, האט געזוכט א פלאץ מיט
ביליגערע רענט, האט אפט באנקראטירט,
איז ארויס פון ביזנעס און איז געווארען
דער באלעבאס פון אן „אפען שאפ",
אדער געעפענט א „קאאפערייטאן שאפ".
און אז דאס אלעס האט נאך אלץ ניט
געהאלפען, אום צו קענען עפעס פארדי-
נען ביי די קליינע פרייזען, וואס דער
דזשאבער האט געגעבען, האט ער זיך גע-
נומען צופען און רייסען פון זיינע אר-
בייטער, וויפיל עס איז נאר מעגליך גע-
ווען. א ניקעל ווייניקער פון דעם שטיק-
ארבייטער, ארויסיאגען די נשמה פון דעם
וואך-ארבייטער, אוועקזעצען אויף דעם
פלאץ פון א בעסער-באצאהלטען א בי-

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. V. No. 35. — New York, Friday, August 31, 1923.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

איינציגע געדאנקען וועגען דעם פאר־שטעהענדען מיינער־סטרייק.

לויט אלע סמנים, וועלען, באר־שייענע פארזוכען פון דער זייט פון דער רעגירונג, און פון אלע אנדערע גוטע און פרומע לייט, גאר ווייניג העלפען, און פרייטאג, דעם ערשטען סעפטעמבער, וועלען 158 טויזענד מיינערס פארלאזען זייערע קוילען־גרובען אין פענסילוויניא, און וועלען אנפאנגען זייער קאמף פאר די פארשיידענע פאדערונגען, וועלכע זיי האבען געשטעלט זייערע בעלי בתים, און וועלכע זיי האבען ניט געקענט אויספיהרען מיט גוטען.

☘

וועמען, וועמען, אבער פאר אונזערע לעזער, וועלכע זיינען פונקט אזעלכע וויידוש־ארבייטער, ווי די מיינערס, און וועלכע, ווי זיי, האבען שוין ניט איינמאל פארזוכט דעם ביטערען טעם פון סטרייקען, זיי דארף מען ניט ערקלעהרען, אז די מיינערס געהען ארויס אין סטרייק ניט גלאט אין דער וועלט אריין, אם ווייל זיי האבען זיך איינגע'עקשנ'ט, אם ווייל זייער שטאלץ האט זיי געמאכט בלינד צו די ווירקליכע פאקטען, ווי מיר ליינען עס טאג־טעגליך אין אונזער אמת־ליבענדער פרעסע. עס איז ערשט בלויז א יאהר, ווי דיזעלבע מיינערס האבען געהאט דורכצומאכען פונקט אזא סטרייק, און געוויס האבען זיי נאך ניט פארגעסען יענע שרעקליכע וואכען און מאנאטען פון עלענד און נויט. עס זיינען געווען צייטען, ווען זיי, זייערע פרויען און קינדער האבען ממש ניט געהאט קיין שטיקעל ברויט. פילע פון זיי האבען געמוזט פארלאזען זייערע הייזער, און זיינען געבליבען אהן א דאך איבער זייערע קעפ. זיי האבען געליטען אזוי שטארק, אז אפט האט זיך אויסגערוכט, דאס זיי וועלען עס ניט אריבערטראגען. דורך די לאנגע מאנאטען פון קאמף האט די יוניאן־טרעזשורי אין גאנצען זיך אויסגעלעדיגט, און די פיהרער האבען געמוזט זיך ווענדען נאך הילף צו אנדערע יוניאנס. אונזערע לעזער וועלען זיך געוויס דערמאנען אן דעם זעהר שעהנעם ביישטייער פון 50 טויזענד דאלאר פון אונזער אינטערנעשאנאל צו דעם דאזיגען קאמף. און איהר קענט זיכער זיין, אז, ווען ניט די שרעקליכע נויט, וואלטען די באאמטע פון דער מיינער־יוניאן קיינמאל ניט פארלאנגט קיין הילף, ווען אפילו נאר פון א שוועסטער־יוניאן. די מיינערס האבען זיכער דאס אלעס ניט פארגעסען. זיכער ווייסען זיי, אז א סטרייק מיינט, א צייט פון נויט, פון הונגער, פון פארלירען ביז א סענט אלץ, וואס זיי האבען אפגעשפארט, אויב זיי האבען עפעס אפגעשפארט, און אנפאנגען אלץ פון דאס ניי. ווען אלזא זיי ווייסען דאס אלעס, און דאך זיינען זיי ענטשלאסען ארויסצוגעהן אין סטרייק, איז עס דער בעסטער באווייז פאר יעדען דענקענדען מענשען, און פאר אונזערע ארבייטער אודאי, אז דער סטרייק איז פאר זיי דער איינציגער אויסוועג, אז דאס איז זייער לעצטער מיטעל, אום צו קריגען פון די מינען־אייגענטימער זייערע גערעכטע פארדערונגען.

☘

דאן מוז גענומען ווערען אין אנבאטראכט נאך עטוואס. די מיינערס זיינען זיך גאנץ גוט באוואוסט, אז דער זאגענאנטער פובליקום איז ניט אויף זייער זייט. מעגען די מיינער זיין גערעכט ווי די וועלט, אבער דער פאקט, אז צוליב דעם מיינער־סטרייק וועט דער ליבער, הויכגעשעצטער פובליקום דארפען פילייכט אביסעל ליידען — דאס אליין קען שוין ניט מאכען דעם פובליקום גאנץ סימפאטיש צו די מיינער. ווער רעדט פון דער פרעסע, וואס מאכט עס די זאגענאנטע עפענטליכע מיינונג, די האט שוין באצייטענס ערקלעהרט די מיינער פאר מאנאפאליסטען, פאר נארגעל־שניידער, פאר אל דאס ביין. די „יונייטעד סטייטס קאול קאמישאן" וועט אהן צווייפעל, אין פאל פון א סטרייק, ארויסקומען מיט אן ערקלעהרונג פון איהר זייט, אז די איינציגע שולדיגע אין דעם סטרייק זיינען די מיינערס. די מיינערס און זייערע פיהרער קענען זיך דארום משער זיין, אז, ווען אפילו די רעגירונג זאל וועלען בלייבען נייטראל, זא־צו־זאגען אונפארטייאיש, וועט זי אונטער דעם דרוק פון דער זאגענאנטער עפענטליכער מיינונג, און אין נאמען פון דעם וואוילזיין פון דעם פובליקום, טאן אלעס, אום צו שטערען די מיינערס אין זייער גרויסען קאמף. דאס ווייסען די מיינערס, דאס ווייסען זייערע פיהרער, און דאך האבען זיי באשלאסען אויפצונעהמען דעם גרויסען קאמף. דאס איז, דאס מוז זיין פאר אונז דער קלארסטער באווייז, מעגען אפילו די נויטיגקייט און די וויכטיגקייט פון געוויסע פארדערונגען זייערע ניט זיין פאר אונז אזוי קלאר, אז פאר די מיינערס זיינען זיי העכסט לעבענס־וויכטיג.

☘

מיר ווילען גלייך ערקלעהרען, אז וואס אונז אנבאטרעפט, איז די פארדערונג פון דעם „טשעק־אף", דאס הייסט, אז די בעלי־בתים זאלען קאלעקטירען פון די ארבייטער די דיוס פאר דער יוניאן, ניט אזא וואס אפעלירט צו אונז. עס דאכט זיך אונז, אז ארויסרופען צוליב דעם א סטרייק פון 158 טויזענד מענשען, ברענגען פאר זיי און זייערע פאמיליען עלענד און נויט, און מאכען ביז צו א גרויסען גראד ליידען דאס גאנצע לאנד, איז עטוואס אזעלכעס, וואס קען ניט פארטיידיגט ווערען. אבער אין דעם פאל מוזען מיר אננעהמען, אז מיר, וועלכע זיינען פון דער ווייטען, קענען ניט פארשטעהן די גאנצע דרינגליכקייט פון דער פארדערונג. מיר מוזען אננעהמען, אז די מיינערס ווייסען זיכער, וואס זיי טוען. ווארים צו דענקען אנדערש, וואלט געמיינט פשוט צו ערקלעהרען הונדערט און אכט און פופציג טויזענד ארבייטער פאר העכסט אונפאראנטווארטליך, פאר מענשען, וועלכע האבען ניט דעם מינדעסטען באגריף, וואס פאר א גרויסען, שווערען קאמף זיי נעהמען אויף זיך. אבער דאס קען טאן נאר איינער, וואס האט אליין ניט דעם מינדעסטען געפיהל פון פאראנטווארטליכקייט.

☘

אין דערזעלבער צייט איז נויטיג דא גלייך צו ערקלעהרען, אז די דאזיגע פאדערונג איז פרעזידענט לואיס געווען בארייט צו לאזען פאלען; אבער די בעלי־בתים האבען דאס גלייך אויסגענוצט, אז דאס מיינט, אז זיי דארפען לגמרי ניט אנערקענען די יוניאן. דערפון איז קלאר צו זעהן, אז די פארדערונג פון „טשעק־אף" האט פאר די מיינערס די באדייטונג פון פולער אנערקענונג פון דער יוניאן, האט די באדייטונג, אז אין די מינען זאלען באשעפטיגט ווערען נאר יוניאן־לייט. און דאן, נאטירליך, איז די דאזיגע פארדערונג שוין גארניט אזא ווילדע, ווי זי זעהט אויס, נאר זי דריקט אויס דעם גרויסען קאמף פאר דאס רעכט צו זיין ארגאניזירט; דעם קאמף געגען סקעבעריי, געגען שענדליכע, ערנידריגענדע, ביליגע ארבייט, מיט וועלכער דער אייגענטימער באנוצט זיך אזוי גערן, ווען עס איז נישטא קיין שטארקע יוניאן, וואס זאל עס איהם פארוועהרען.

☘

נעהמט דעם אנדערען פונקט — „ארביטריישאן". די אייגענטימער פון די מינען זיינען צופרידען איבערצוגעבען אלע פארדערונגען פון די מיינערס צו ארביטריישאן. די מיינער־פארשטעהער האבען זיך ענטשיידען אפגעזאגט אנצונעהמען דעם דאזיגען באסישען אנבאט. נאטירליך, פאר דעם אלגעמיינעם פובליקום קומט אויס די זאך א ביסעל מאדנע. ווארום טאקע ניט אננעהמען קיין ארביטריישאן? ווארום ניט געבען די מעגליכקייט „אונפארטייאישע" מענשען צו פסק'ענען? אויב אייערע פארדערונגען זיינען נאר גערעכטע, וועט איהר געוויס זיי קריגען, און אויף א פרידליכען אופן, ניט דורך קאמף.

☘

מיר ווילען דערמאנען אונזערע לעזער, אז איידער אונזער אינטערנעשאנאל האט אויסגעפיהרט צו באנייען דעם לעצטען אגרימענט מיט דער „פראטעקטיוו", האט זייער לאיער אויך שטארק געפאדערט „ארביטריישאן". אונזער יוניאן, אונזער אינטערנעשאנאל, האט ענטשיידען זיך אפגעזאגט אנצונעהמען דעם פארשלאג. ווארום? חייל די ערפאהרונג, וואס די ארבייטער־באוועגונג האט געהאט מיט אלערליי סארטען ארביטריישאנס, איז א זעהר ביטערע. נאך קיינמאל האט דער ארבייטער ניט געוואונען עטוואס ממשות'דיגעס דורך ארביטריישאן. עס איז שוין כמעט ווי א כלל, אז אלע מאל זיינען די זאגענאנטע אונפארטייאישע ארביטרייטארס פיל מעהר גענייגט זיך צוצוהערען צו די טענות פון די באסעס, ווי פון די חוצפהדיגע ארבייטער, און נאך אלע אזעלכע ארביטריישאנס זיינען די ארבייטער סוף כל סוף געווען געצוואונגען אליין, מיט זייערע אייגענע כחות, אויסצוקעמפען זייערע פארדערונגען. די יונייטעד מיין וואירקערס יוניאן האט אויך דורכגעמאכט די דאזיגע שול פון ארביטריישאן־ערפאהרונגען. טו ווארום זאל זי אננעהמען דעם דאזיגען פארשלאג, אז זי ווייס, אז זי פיהלט, דאס זי איז פאלשטענדיג בארעכטיגט צו אלע איהרע פארדערונגען, און דאס זי האט די נויטיגע קראפט צו קעמפען פאר זיי?

☘

מען דארף האבען אין זינען, אז די יונייטעד מיין וואירקערס יוניאן איז ניט א יוניאן, וואס איז ערשט נעכטען אויפגעבויט געווארען. איהר קען מען שוין ניט פאנגען מיט אלערליי שעהנע סענטימענטאלע פראזען; איהר קען מען אויך ניט אפשרעקען מיט דעם, וואס דורך דער צייט פון סטרייק וועלען די ווייכע קוילען פארכאפען דעם מארקעט, און אזוי וועלען זיי פארלירען דעם טרייד, פון וועלכען זיי ציהען זייער גאנצע חיונה. די צייטונגען זיינען פול מיט די דאזיגע סטראשונקעס. אבער ווי נאריש עס זיינען די מאכער פון אונזער עפענטליכער מיינונג, ווען זיי גלויבען, אז מיט דעם וועלען זיי די מיינערס אפשרעקען!

☘

פון דער אנדערער זייט באטראכט די האנדלונג פון די מינען־אייגענטימער. אויף אלע פארדערונגען פון די מיינערס האבען זיי געענטפערט „ניין". הייסט עס דאך, אז זיי קענען בשום אופן ניט נאכגעבען די פארדערונגען פון די מיינערס, אז נאכגעבען די פארדערונגען וואלט פאר זיי געמיינט, ווי זיי זאגען, פשוט א רואינע. גלויבען מיר זיי. באלד אבער נאך זייער ערקלעהרונג, אז זיי קענען בשום אופן ניט אננעהמען די געשטעלטע פארדערונגען פון די מיינערס, פארלאנגען זיי ארביטריישאן. דאס הייסט, זיי זיינען בארייט דאס איבערצולאזען צו דעם פסק פון אן אונפארטייאישען געריכט. און אויב דער געריכט וועט פסק'ענען, אז די מיינערס זיינען בארעכטיגט צו די געשטעלטע פארדערונגען, וועלען זיי עס נאכגעבען. דא האט איהר דעם גאנצען בלאף פון די באסעס פון אויבען־אויף. אט זאגען זיי, אז זיי קענען בשום אופן ניט נאכגעבען קיין איינציגע פון די פארדערונגען, און אט זיינען זיי פארטיג נאכצוגעבען אלע פארדערונגען, ווען אן ארביטריישאן־קאמיטע וועט ערקלעהרען, אז די ארבייטער האבען רעכט. מוז איינער זיך ניט שטעלען די פראגע: ווי קען איינער נאכגעבען דאס, וואס ער קען ניט, ווען אפילו די גאנצע וועלט זאל פסק'ענען, אז ער מוז? אבער, ווארום האנדלען אזוי די באסעס? צוליב דריי אורזאכען: ערשטענס, ווייסען זיי, אז פאר דער וועלט וועט עס אויסזעהן גאנץ שעהן, ווען זיי וועלען ערקלעהרען, אז זיי זיינען מרוצה איבערצוגעבען די פראגע צו ארביטריישאן. דערמיט קויפען זיי אונטער גלייך די זאגענאנטע עפענטליכע מיינונג, וועלכע ליידער לאזט זיך פאנגען פון אלערליי פראזען; צווייטענס, ווייסען זיי, אז די מיינער קענען און וועלען קיינמאל ניט איינווילינגען צו אזא פארשלאג. מעגען זיי דאך זיך ערלויבען צו מאכען א שעהנעם זשעסט צו דער גאליארקע; דריטענס, ווייסען זיי, אז זאל נאר קומען צו ארביטריישאן, וועלען זיי דערביי גארניט פארלירען. אט דאס איז די גאנצע פאליטיק פון די מינען־אייגענטימער, און דערמיט מיינען זיי עס אפצונארען דעם עולם.

☘

אבער דאס וועט זיי ניט געלינגען. ווארים מען דארף קיינמאל ניט פארגעסען, אז ווען מען רעדט וועגען עולם, איז אין אונזער היינטיגער געזעלשאפט דא א צווייערלייאיגער עולם — איין עולם, וואס לעבט אויף די פראצע פון אנדערע, און א צווייטער עולם, וואס פראצעוועט פאר אנדערע. עס איז זיכער, אז וואס אנבאלאנגט דעם עולם פון דער ערשטער קאטעגאריע, איז ער אלע מאל געגען די מיינערס. פארגעסט ניט, ער וועט דארפען צאהלען מיט א פאר דאלאר מעהר פאר'ן טאן קוילען; אדער ער וועט מוזען פאר א צייט האלטען זיין הויז ווארעם מיט דער הילף פון ווייכע קוילען, און אלץ צוליב דעם, ווייל די פארדאמטע קוילען־גרעבער פון פענסילוויניא סטרייקען. נו, ווי קען ער זיי מוחל זיין אזא פארברעכען? ניט אזוי אבער וועט דענקען און פיהלען דער צווייטער מין עולם, וואס ארבייט און פראצעוועט, ווי דער מיינער. ער וועט איהם פארשטעהן, ער וועט מיט איהם סימפאטיזירען, יא, ער וועט איהם העלפען מיט אלעם, וואס ער קען נאר, כאטש ער, מעהר ווי אלע אנדערע, וועט ליידען פון דעם קוילען־סטרייק. עס איז דארום גאר ניט אזוי שרעקליך מיט דער עפענטליכער מיינונג, ווי אונזער קאפיטאליסטישע פרעסע וויל עס אונז איינריידען.

☘

און אויב אין דער לעצטער מינוט וועלען די מינען־אייגענטימער ניט אראפקריכען פון זייער הויכען פערד, און טאקע בלייבען ביי זייער פעסטען באשלוס ניט נאכצוגעבען די געשטעלטע יוניאן־פארדערונגען, און דער סטרייק פון די מיינערס וועט אויסברעכען, דאן וועלען מיר ווידער האבען איינעם פון די וואונדערבארסטע קעמפע אין דער מלחמה צווישען קאפיטאל און ארבייט; און אונזער איבערצייגונג איז, דאס, שווער און לאנג, ווי דער קאמף מעג זיין, אבער סוף כל סוף, טראץ דער פרעסע, טראץ אלע פינסטערע כחות אין אונזער געזעלשאפט, וואס וועלען מיטווירקען געגען די מיינערס, וועט דער זיג דאך זיין זייערער. און דאן וועט עס זיין ניט בלויז דער זיג פון די מיינערס, נאר פון אלע ארבייטער פאר דאס פולע רעכט צו זיין ארגאניזירט, פאר דאס רעכט פון די ארבייטער ניט צו דערלאזען צו דער ארבייט, אלס זייערע קאנקורענטען, מענשען, וועלכע זיינען בארייט צו פארקויפען צום באס זייערע גופים און זייערע נשמות פאר דאס עלענדע שטיקעל ברויט; פאר די ענדליכע אנערקענונג, אז די מיינערס, וואס טוען די שווערסטע און די געפעהרליכסטע ארבייט, האבען א פאלשטענדיג רעכט צו פארלאנגען פון דער געזעלשאפט אזא באלוינונג, אזא באהאנדלונג, וואס זאל זיי שטעלען, לכל הפחות, אויף א גלייכער שטופע מיט די בעסט־באצאהלטע ארבייטער אין לאנד.

דער יוניאן־פיהרער און זיינע פליכטען.

עס איז ערשט גארניט לאנג, ווי אונזער פרעסע האט געהאלטען אין איין צאצקענען זיך מיט מר. לואיס, פרעזידענט פון דער יונייטעד מיין וואירקערס יוניאן. איבערהויפט האט ער אויסגענומען ביי דער „טיימז", ווען ער האט געשיקט זיין בארימטע טעלעגראמע צו די פיהרער פון די מיינערס אין נאווא סקאשיא, וועלכע זיינען ארויס אין א סימפאטיע־סטרייק מיט די סטרייקענדע שטאל־ארבייטער. איצט איז לואיס, נאטירליך, אויס ליבלינג. ראדיקאל, באלשעוויק — דאס זיינען די סאמע מילדעסטע ווערטער, וואס ווערען געשליידערט אין זיין קאפ. און דערפאר האט ער לעצטען שבת, אין איינעם פון זיינע געשפרעכען מיט די פרעס־רעפארטערס, געהאלטען פאר נויטיג צו מאכען פאלגענדע ערקלערונג:

„איך בין ניט באשעפטיגט פון פובליקום. איך בין א באצאהלטער אנגעשטעלטער פון דער יונייטעד מיין וואירקערס יוניאן. איך מעג זיין א פרעזידענט פון דער יוניאן פאר א טאג, פאר א וואך, פאר צעהן יאהר, אבער אזוי לאנג ווי איך בין דאס, וועל איך אלע מיינע כחות אנווענדען, אז מיינע מענשען זאלען קריגען א „סקווער דיעל", זאלען ווערען ארענטליך באהאנדעלט. עס איז פאר מיר א קנאפער אונטערשיד, צי איך ווער איין טאג געלויבט אלס א גוטער בירגער, אדער ווער אויף מארגען פארדאמט, אלס ראדיקאל. איך געה טאן מיין פליכט צו די, וועלכע באשעפטיגען מיך".

☘

אין די דאזיגע פאר ווערטער האט פרעזידענט לואיס געגעבען אויסדרוק צו א זעהר וויכטיגע געדאנק וועגען דער העכסט־נויטיגער אייגענשאפט פון א יוניאן־פיהרער. מיר האבען זעהר ווייניגע יוניאן־פיהרער, וואס זיינען גלייכגילטיג צו דער זאגענאנטער עפענטליכער מיינונג. זיי, וועלכע האבען באדארפט זיין העכער פאר איהר, זיי, וועלכע האבען באדארפט האבען אין זינען בלויז די אינטערעסען פון זייער יוניאן, זיי ווערען אפט באוועגט און באאיינפלוסט אין זייערע האנדלונגען פון דעם, וואס די אדער יענע צייטונג שרייבט וועגען זיי. און איינמאל קריגט די צייטונג אן איינפלוס אויף דעם פיהרער, איינמאל הויבט ער אן צו טראכטען וועגען דעם, וואס די אדער יענע צייטונג וועט שרייבען וועגען איהם און זיינע אויפטואונגען, קען ער ווירקליך ניט מעהר ערפילען זיינע פליכטען צו דער יוניאן. אונבאוואוסט פאר זיך זעלבסט, ווערט ער שוין געקירעוועט אין זיינע האנדלונגען, אין זיינע באשליסע ניט פון די אמת'ע אינטערעסען פון דער יוניאן, נאר פון דער זאגענאנטער עפענטליכער מיינונג. און ניט איין גוטער פיהרער־קאפ איז פאר'שכור'ט געווארען פון דעם דאזיגען אפיום, צום שאדען פון דער יוניאן, פון וועלכער ער איז געווען א פארשטעהער, און צום שאדען פון דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג. ניט אזוי געשאפען, ווי עס זעהט אויס, איז מר. לואיס, דער פרע־

ניט איינגעפאלען, אז עס קע זיך מאכען אז דער פרעזידענט זאל שטארבען און דער וויס־פרעזידענט זאל פארנעהמען זיין פלאץ.

אבער קולידזש איז איצט פרעזידענט און, ווי עס זעהט אויס, זוכט ער איצט צו ירשנ'ען פון הארדינג'ן ניט נאר די פרעזידענטשאפט נאר אויך די נאמינא־ציע פאר א צווייטען טערמין. ער האט עס זעהר קלאר געלאזט פיהלען דער־מיט וואס ער האט באשטימט אלס זיין סעקרעטער דעם געוועזענעם קאנגרעס־מאן פון ווירדזשיניא, דעם מיליאנער באסאם סלעמפ. דאס איז געווען א גאנץ קלארער צוג אין דעם שפיל צו געווינען דעלעגאטען אין דער נאמינא־ציאנס - קאנווענשאן קומענדען יאהר. סלעמפ איז פון דער סאוטה, וואו די רעפובליקאנער האבען זעהר ווייניג אנ־הענגער. אבער די סאוט־שטאאטען שי־קען פונדעסטוועגען דעלעגאטען צו דער נאמינאציאנס־קאנווענשאן און זייערע שטימען ווערען געצעהלט. דאס הייסט, אז מיט דער באשטימונג פון סלעמפ'ן אלס זיין סעקרעטער, וואס איז גוט בא־קאנט אלס רעאל־פאליטיקער, האט קו־לידזש זיך באזארגט מיט די שטימען פון די סאוטה־דעלעגאטען.

די פראגע פאר די רעפובליקאנער איז — וואס טוט מען איצט מיט די אספיראנטען, ווי דזשאהנסאן, יוהז, האוועער, לאודען, גענעראל וואודס, סע־נאטאר באראה, לאפאלעט און די אי־בעריגע? ווי שטילט מען זיי איין? ווען הארדינג וואלט געלעבט איז ער געווען דער נאטירליכער בארעכטיגטער קאנדידאט. אבער קולידזש? — וואס פאר א זכות געפינט מען פאר איהם? און ווידער, אויב ניט ער — ווי אזוי באזייטיגט מען איהם איצט, ווען ער זיצט אויפ'ן שטול און האט אזוי פיל „פעטראנײדזש" צו צעטיילען כדי צו געווינען דעלעגאטען?

אויף דער דעמאקראטישער זייט איז די פראגע אביסעל מעהר קאמפליצירט. ביי זיי איז די פראגע: וואס וועט קולידזש זיין? וועט ער זיין א רעאק־ציאנער, א פראגרעסיווער, א ראדיקאל, צי א ליבעראל?

די רעפובליקאנער אינטערעסירט ניט אזוי שטארק די פראגע, ווי די דעמא־קראטען. ביי די רעפובליקאנער איז וויכטיג ווי אזוי צו מאנעווירען כדי אויפצוהאלטען די גאנצקייט פון דער ארגאניזאציע וואס באשטעהט פון אזוי פיל ווידערשפרעכענדע עלעמענטען. פאר די דעמאקראטען איז אבער וויכטיג אויסצוגעפינען דעם פאליטישען קאליר פון דעם נייעם פרעזידענט כדי זיי זא־לען וויסען וואס פאר א קאנדידאט זיי זאלען ארויסשטעלען געגען איהם. וועט ער זיין א רעאקציאנער, וועלען זיי ארויסשטעלען געגען איהם א ליבעראל. וועט ער ווערען א פראגרעסיווער, וועלען זיי ארויסשטעלען געגען איהם א קאנ־סערוואטיווען, ווי א שטייגער א סענא־טאר אנדערוואוד. ווידער, זאל זיך מא־כען, אז קולידזש זאל נאר ווערען א ראדיקאל, וועלען זיי אפשר ארויסשטע־לען געגען איהם פארד'ן.

איהר פארשטעהט, אונזער גאנצע פאליטיק איז א פאליטיק פון מאנעווי־רען און די פארטייען האלטען אין איין מאנעווירען איינע געגען דער אנדערער מיט'ן צוועק אונטערצושטעלען דער צווייטער א פיסעל.

און וואס טוט קולידזש?

קולידזש, ווי געוועהנליך, שווייגט. אזוי ווייט ווייס ער אליין ניט וואס ער זאל זיין און ער ווארט אויף זיין גע־לעגענהייט.

לויט זיינע פערזענליכע איבערציי־גונגען, אויף ווי ווייט זיי זיינען בא־קאנט (און באקאנט וועגען איהם איז זעהר ווייניג) איז ער א גאנץ נישקשה־דיגער רעאקציאנער. אבער קודם כל איז ער א פאליטישען, און אלס אזעלכער פארשטעהט ער, אז אידעען און איבער־צייגונגען פאר א פאליטיקער זיינען פון די קלייניגקייטען. די הויפט־זאך איז אויסצונוצען די געלעגענהייט. פאדערט די געלעגענהייט צו זיין רעאקציאנער, וועט ער עס זיין זעהר גערן. וועט עס פאדערען ער זאל ווערען א פראגרע־סיווער אוע״ אפילו א ראדיקאל, וועט ער דאס אויך קענען ווערען, בפרט ווען דער אונטערשייד אין אט די קאלירען אין דער אמעריקאנער פאליטישער טער־מינאלאגיע איז אזא קליינער, אז מען מוז איהם זוכען מיט א מיקראסקאפ.

אט אזא מין מאדנע פאליטיק ווערט איצט געשפילט אין אמעריקא. ווען מען זאל מיך פרעגען, ווי אזוי אט די פא־ליטיק א נאמען צו געבען, וואלט איך געזאגט, אז מען זאל עס רופען — די מלאך המות־פאליטיק.

דאקטערס און איזראעל דיי נוירסערי

פון ארבייטער פאר ארבייטער

אנערקענענדיג דאס די „דאקטערס און איזראעל דעי נוירסערי" פון 220 איסט 5טע סטריט, וועלכע פאסט אויף טעגליך אויף 200 קינדער פון עלטערן ארביי־טער, איז ווערט געשטיצט צו ווערען, האבען פאלגענדע יוניאנס צוגעשיקט זיי־ערע בייטרעגע צו דיזען אינסטיטושאן:

ווייטערס יוניאן, לאקאל 1 —	$25.00
דרעסמייקערס יוניאן, ל. 22 —	15.00
פאריערס יוניאן — — —	15.00
פרעסערס יוניאן, לאקאל 35 —	5.00
היברו טיפאג. יוניאן ל. 83 —	5.00
באנאז עמבראידערי יוניאן —	5.00

מיר אפעלירען צו אלע ארבייטער־ארגאניזאציאנען און צו איינצעלנע פרא־גרעסיווע ארבייטער, דאס זיי זאלען שטיצען דיזען וויכטיגען אנשטאלט אין די אינטערעסען פון זייערע הילפלאזע פריינד און צושיקען זייערע בייטרעגע אויף דעם אויבענדערמאנטען אדרעס.

וואס דער דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל טוט און זאל טאן

פון דר. דזשארדזש מ. פרייס.

פערזענליך האלט איך ניט פון דער ניצליכקייט פון א פאלעמיק דורך די צייטונגען. אבער איך בין געצוואונגען צו פארנעהמען נאך א שטיקעל פלאץ אין דער „גערעכטיגקייט" אום צו ענט־פערען אויף מר. אשפיז'ס לעצטען אר־טיקעל.

קודם כל גלויב איך ניט, אז אימי־צער, וואס האט געלייענט מיין ערשטען ארטיקעל, קען דארט געפינען אירגענד וועלכע פערזענליכע אנגריפע געגען מר. אשפיז. ווירקליך איז עס זעהר שעהן פון אירגענד א מעמבער פון דער יוניאן צו קריטיקירען די ארבייט פון אן אינ־סטיטוציע, וואס ווערט אויפגעהאלטען פון דער יוניאן. איך האב אימער פאר־לאנגט, אז די פיהרער און די מעמבערס פון דער יוניאן זאלען נעהמען מעהר אינטערעס אין די טעטיגקייטען פונ'ם דזשאינט באארד און סאניטארי קאנ־טראל, וואס דאס וואלט שטארק פאר־גרעסערט זיין ארבייט און ערפאלג.

וואס אנבאטרעפט די קעלער־שעפער, וועגען וועלכע מר. אשפיז מאכט אזא ווּעזען, האבען מיר אין דעם לעצטען אינספעקשאן געפונען בלויז צוויי אזעל־כע שעפער, וועלכע זיינען גוטגעהייסען געווארען פון לייבאר דעפארטמענט, און מיר האבען ניט געקענט זיי אבדזשעק־טען צוליב באלייכטונג, ווענטילאציע און ז. וו.

איך וויל ניט אריינגעהן אין די עקא־נאמישע אורזאכען, וואס האבען ארויס־גערופען די גרויסע צאהל קליינע שע־פער. אבער איך וויל נאך א מאל ער־קלעהרען, אז דער דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל איז מאכטלאז גע־גען דעם, ביז די יוניאן און די מאנו־פעקטשורערס וועלען זיך איינפארשטעהן אויף א געוויסען סארט פון סאניטארער אונטערזוכונג פון שעפער און גאר־מענטס.

די ארבייט פון דעם דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל בא־שטעהט אין צוטיילען די שטאדט אין אן אנצאהל דיסטריקטען, וועלכע ווערען געשטעלט אונטער דער השגחה פון אן אינספעקטאר, וועלכער באזוכט יעדען שאפ צוויי מאל א יאהר, אלס א כלל, און דאן מאכט ער זיינע באזוכען אין די שעפער, אזוי אפט ווי נויטיג. „א" און „ב" שעפער ניט אזוי אפט, בעת די שעפער „ג" און „ד" ווערען אינ־ספעקטירט אזוי אפט, ווי מעגליך, כמעט יעדע וואך. דער אינספעקטאר שטרעבט צו באזייטיגען די פעהלערן, וואס ער געפינט, און ער ווערט אונטערשטיצט אין זיין ארבייט פון אפיס, פון דעם דירעקטאר, און פון אזעלכע סטייט־ און מוניסיפעל־דעפארטמענט, צו וועמען ער אפעלירט אין פאל, ווען עס איז נויטיג.

דער דזשאינט באארד און סאניטא־רי קאנטראל אינסטאלירט, פיהרט און האלט אן מאנאטליכע פייער־דרילס אין 14 טויזענד שעפער, און אין יענער צייט ווערט אויך געמאכט אן אינספעקשאן פון די פייער־צושטענדע פון די שעפער.

דאן, ווען מען נעהמט אין אנבא־טראכט דעם פאקט, אז יעדען סעזאן ווערען 5—6 הונדערט שעפער פאר־שוואונדען, און נייע קומען אויף אויף זייער פלאץ, פארשטעהט מען, אז עס איז אונפארמיידליך, דאס די אינספעק־טארען ביי זייערע ערשטע באזוכען זא־לען געפינען א געוויסען פראצענט „ס" און „די" שעפער, וועלכע פאדערען א שטענדיגע אויפפאסונג.

מר. אשפיז איז גערעכט, ווען ער זאגט, אז דער דזשאינט באארד און סא־ניטארי קאנטראל וואלט געקענט טאן פיל מעהר, ווי ער טוט עס, ווען ער וואלט געהאט די געמיינשאפטליכע אונ־טערשטיצונג פון די פארשטעהער פון דער יוניאן און פון די אנדערע מעמ־בערס פון דער באארד. פילע יאהרען האב איך מיך באקלאגט אויף די גלייכ־גילטיגקייט פון די יוניאן־פיהרער צו דער ארבייט פון דער דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל, און האב פון זיי פארלאנגט א גרעסערע מיטווירקונג. איך בין אונטערשטיצט געווארען פון די פארשטעהער פון דער דרעס און ווייסט־מייקערס יוניאן פיל מעהר, ווי פון דער דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער. איך וואלט זיכער באגריסט א שטאר־קערע הילף פון דער זייט פון די יוניאן־מעמבערס און פיהרער אין דער ארבייט פון דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל.

דער פלאן צו סערטיפייען שעפער און גארמענטס, אלס סאניטאר, וואלט געקענט לייכט איינגעפירט צו ווערען, ווען אלע צדדים זאלען דערצו איינשטימען. אזא „סערטיפיקיישאן" וואלט געווען פון גרויסען נוצען פאר דער אינדוסטריע און פאר דער פארבעסערונג פון די סא־ניטארע צושטענדע אין אלע שעפער.

אבער דאס, ווי אלע אנדערע פרא־גרעסיווע מאסרעגלען, קענען נאר אויס־געפיהרט ווערען, ווען אלע מעמבערס פון דעם דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל וועלען שטעלען אזא פאדערונג פון סערטיפיקיישאן און וועלען מיר גע־בען די מיטלען דאס אויסצופיהרען.

דער סאבאטאזש פון די „לינקע" אין לאקאל 2 פון דער פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן

דער טשערמאן פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין פילא־דעלפיא האט מיך באאויפטראגט צו בא־ריכטען אין דער „גערעכטיגקייט" ווע־גען אלץ וואס קומט פאר אין אונזער יוניאן. די אבזיכט איז, אז די גרויסע מעמבערשיפ, וועלכע איז פארטריבען גע־ווארען פון די מיטינגען דורך די סקאנ־דאליעזע האנדלונגען פון דעם לינקען עלעמענט זאל האבען די מעגליכקייט צו וויסען די אמת'ע פאקטען און פאסירונ־גען וואס מיר לעבען איבער היינט צו טאג.

דער צושטאנד, אין וועלכען מיר געפינען זיך איצט, איז ווירקליך א גאנץ טרויעריגער. ערשטענס, די אלגעמיינע שלעכטע לאגע אין אונזער אינדוסטריע איבער'ן גאנצען לאנד, און פון אלע ליידט פילאדעלפיא מעהר. קיין קלאוק־צענ־טער האט ניט פארלארען אזוי פיל קלאוק־שעפער ווי פילאדעלפיע. מיר ליידען אויך דערפון, וואס די לעצטע פאר ס י ז א נ ס זיינען סוטס — די הויפט־ארבייט אין פילאדעלפיא — ארויס פון סטייל. נאך אן אורזאך איז, וואס פי־לאדעלפיא איז צו נאענט צו נויארק. דער קיצור איז, מיר זיינען אויף צרות, און מיר האבען ניט קיין ארבייט.

דאס אליין איז גענוג, אז די מעמ־בערס זאלען ווערען פון צייט צו צייט פארביטערט, פארלאנגען פון די אפי־סערס אזעלכעס, וואס זיי קענען בשום אופן ניט אויספיהרען.

היינט אז צו דעם אלעם קומט נאך צו די לינקע צרה, וועלכע האלט אין איין איפהעצען די ארבייטער מיט אלערליי ליגנס און בלבולים, איז קענט איהר זיך שוין לייכט פארשטעלען דאס טרויעריגע ביל־ אין אונזער לאקאל.

די לעצטע צייט, נאך איהר גרויסער מפלה אין די לעצטע וואהלען, האנדלען זיי נאר ווי אינדיאנער, פשוט זיי לאזען קיין מיטינג ניט אפהאלטען.

זיי האבען גענומען בושעווען ביי די מיטינגען פון לאקאל 2. האט א יוניאן בא־אמטער ערקלערט וועגען א געוויסע פראגע האט א לינקער געהאלטען עס פאר זיין פליכט אויסצושרייען: עס איז א ליגען. נאטירליך מאכט אזא געשריי א טומעל, און דאס איז דאך, וואס דער לינקער וויל. א צווייטער לינקער האט געמאכט א סטייטמענט, אז אזוי לאנג ווי די רעכטע דזשאינט באארד וועט זיין אין אמט, וועט איהר האבען אזעל־כע מיטינגען. דער מיטינג ווערט גע־שלאסען מיט טומעל.

דער צווייטער מיטינג איבערשטייגט אלעס. זיי האבען ארונטערגעווארפען פון זיך דעם לעצטען רעשטעל פון אנ־שטענדיגקייט, זיך אויפגעפירט ווי פשוט'ע בויאנעס. דער טשערמאן קלאפט מיט'ן האמער און פארלאנגט ארדנונג, זיי לאכען זיך אויס פון איהם. פריינד אמדור שטעלט זיך ריידען—האלט מען אין איין טומלען; דער סעקרעטער לעזט די מינוטס פון דער דזשאינט באארד, האלט מען איהם אין איין אונ־טערברעכען מיט אלערליי נארישע טריקס אזוי, אז עס איז אונמעגליך אנצוגעהן מיט'ן מיטינג. דער רעזולטאט איז, דאס נאר פילע צוגעהען זיך, און דער טשערמאן, זעהענדיג, אז עס וועט קיין ענדע־ניט נעמען צו די שטערונגען איז ער געצוואונגען צו שליסען דעם מיטינג.

אט דאס איז די נייעסטע סאבאטאזש מעטאדע פון אונזערע לינקע, און אונ־זערע מעמבערס מוזען זיך גוט אריינ־טראכטען, צו וואס דאס קען ברענגען. נאך אזעלכע פאר מיטינגען און די גאנ־צע יוניאן וועט זיין צובראכען. און דאס איז אייגענטליך זייער וואונש. דער דזשאינט באארד וועט מוזען נעהמען א שטעלונג. מיר לעבען איבער א שרעק־ליכע צייט אין אונזער טרייד. די גאנ־צע צייט און ענערגיע מוז אפגעגעבען ווערען צו טרייד פראגען. די מעמבערס

דערוואוסט, האבען געשטורמט דעם מיטינג, און זייער פראטעסט האבען זיי אויסגעדריקט אין גראמען, ווי פאלגט:

איך קען ווייזען מיינע אקסלען
איך קען ווייזען מיינע קניע,
איך בין א פריי־געבארענע אמעריקאנע־רין
און קען ווייזען וואס איך וויל.

איך האב שטארק מורא, אז מיט אזעלכע רע־וואלוציאנערקעס וועלען די עלטערע גארגים אויספירען.

צווישען די פילע, פילע פלענער, ווי צו פאר־בעסערען די וועלט, פארגעסט ניט קיין אונבע־דייטענדען פלאץ דער פלאן פון די „יודזשעניקער". די טעג איז די יודזשעניקס־קאמיטע פון יונייטעד סטייטס ארויסגעקומען מיט אזא מין פראגראם: אפקלייבען און אפזונדערען אלערליי מענשען, וואס זיינען דעפעקטיוו, וואס זיינען פעלערהאפט: מאכען זיי פאר אויס מאנסבילען און ערמונטערען חתונות און קינדער־האבען צווישען די, וועלכע זיינען באשענקט פון דער נאטור מיט אלע גוטע מעלות. דאס וועט ברענגען במילא דעם בעסערען מענשען אין אמעריקא. דער פלאן איז ניט קיין שלעכטער, אבער די צרה איז, ווער קען פסקנ'ען, ווער איז א דעפעקטיוו און ווער ניט? ערשט ניט לאנג האט א געוויסער פראפעסאר ערקלערט, אז די דורכשניטליכע אינטעליגענץ פון דעם אמע־ריקאנער איז די אינטעליגענץ פון א ניט־דער־וואקסענעם אינגעל. אויב דאס איז ניט קיין דע־פעקט, קיין מום, ווייס איך ניט, וואס איז יא א מום. אלזא, לויט די יודזשעניקער וואלט מען א 95 פראצענט פון דער אמעריקאנער באפעלקערונג בעדארפט אפזונדערען, מאכען זיי פאר אויס מאנסבילען, און לאזען די איבעריגע 5 פראצענט זיך פרוכפערען. וואלט דאס מיר ניט געארט. אבער וואס וועלען די 95 פראצענט זאגען צו אזא פלאן? מעג זייער אינטעליגענץ זיין ווי קליין, אבער זיך לאזען מאכען פאר אויס מאנסבילען, געגען דעם וועלען זיי, דאכט זיך, שטארק קעמפען.

אויך סענאטאר לאפאלעט קלייבט זיך מיט א באזוך אין רוסלאנד. עס וועלען שוין באלד זיין גאנץ ווייניג סענאטארס, וועלכע וועלען ניט האבען באזוכט רוסלאנד. פארשטעהט זיך, אז יעדער וועט צוריק קומען פון רוסלאנד מיט דעם, וואס ער איז אוועקגעפאהרען: און ערשט דאן, ווען עס וועט זיך אנהויבען די גרויסע דעבאטע וועגען רוסלאנד אין סענאט, וועט איינער קענען מיט רעכט פרעגען: ווי דערגעהט מען פארט דעם אמת וועגען רוסלאנד?

מר. העסקעל, דער פיהרער פון דער אמעריקא־נער רעליף אדמיניסטראציע, איז די וואך געקו־מען צוריק פון רוסלאנד און האט דערצעהלט דורך דער פרעסע וועגען דעם „גרויסען דזשאב", וואס אמעריקא מיט איהרע 62 מיליאן דאלאר האט אויפגעטאן פאר רוסלאנד, און פאר דער גאנצער וועלט, און ווי דאנקבאר רוסלאנד איז אמעריקע. אבער וועגען דער סאוועט־רעגירונג האט ער זיך ענטזאגט ארויסצוזאגען זיין מיינונג. און דאס איז ווירקליך א שאד, ווייל א מיינונג פון אזא מענשען, ווי מר. העסקעל, וועלכער האט פארבראכט דארט צוויי יאר, און איז געווען אין אזא נאהענ־טער באריהרונג סיי מיט'ן פאלק און סיי מיט דער רוסישער רעגירונג, וואלט ווירקליך געווען פון א גאנץ באזונדערער וויכטיגקייט. איך וויל אבער האפען, אז פריהער אדער שפעטער וועט זיין מיינונג וועגען דעם רוסישען סאוועט־רעזשים קיין סוד ניט בלייבען.

דער רעפארט פון מר. געדעס, דעם ענגלישען אמבאסאדאר אין אמעריקע, וועגען עלליס איי־לענד, און ווי די אימיגראנטען ווערען דארט באהאנדעלט, האט ארויסגערופען ניט קיין קליינעם שטורם פון קריטיק סיי אין ענגלאנד, סיי אין אמעריקע. פארשטעהט זיך ניט די ניו יארק „טיימס". זי ארגומענטירט: וואלט אמעריקע געוואלט האבען די אימיגראנטען, ווי אין אמא־ליגע צייטען, וואלט מען צו איהר געקאנט האבען א טענה: דו לאדסט איין מענשען צו זיך, און דו באהאנדעלסט זיי אזוי שלעכט, 'אזוי נעמיין'. אבער די לאגע איז דאך איצט א גאנץ אנדערע. אמעריקע וויל ניט די אימיגראנטען, טא וואס איז דא זיך צו וואונדערען וועגען דער האנדלונג, וואס די דאזיגע אונגעווינשטע מענשען קריגען? דער ענטפער פון דער „טיימס", ברוטאל ווי ער איז, איז אבער גאנץ אפענהערציג. אבער דאך איז ער ניט איינגאנצען אמת. דערווייל האט דאך נאך אמעריקע ניט פארשלאסען איהרע טויערען איינגאנצען פאר אימיגראנטען. זי האט נאר בא־שרענקט די אימיגראציע, אבער נאך ניט איינ־גאנצען איהר אפגעשאפט. הייסט עס, אז א גע־וויסע צאהל אימיגראנטען וויל זי יא האבען, טא פארוואס זאל מען אט די אימיגראנטען ניט בא־האנדלען מעהר מענשליך? אויף דעם ניט די ברוטאלע אפענהערציגע „טיימס" קיין ענטפער.

...ליערען ארבייטער. דאס זיינען געווארען די מעטאדען פון דעם קאנטראקטאר, אום צו קענען עפעס פארדינען. אבער דער דזשאבער האט געהאלטען אין פאדערן אלץ מעהר און מעהר ביליגקייט. עס איז קלאר, אז וואס מעהר דער דזשאבער האט געדריקט דעם קאנטראקטאר, אלץ מעהר האט דער קאנטראקטאר געמוזט דריקען די ארבייטער, און עס איז אט־דער שטענדיגער, זיך גארניט אפשטעלענדער דרוק, וואס האט געבראכט די ארבייטער צו פארצווייפלונג, און אט־דאס מאכט די לייזונג פון דעם דזשאבער פראבלעם אזוי אומבאדינגט נויטיג.

איידער דאס אלעס איז פארגעקומען, האט דער קאנטראקטאר, וועלכער האט ניט געהאט געגען זיך אזא מורא'דיגע קאנקורענץ, געקאנט נאכגעבען געוויסע ארבייטער־פאדערונגען. שפעטער אבער איז די לאגע פון דעם קאנטראקטאר געווארען אזא שפל'דיגע, אז מיט זיין בעסטען ווילען האט ער עס ניט געקאנט. אין לעצטען יאהר זיינען בלויז 10 פראצענט פון די קאנטראקטארס, סיי אין דער דרעס־אינדוסטריע און סיי אין דער קלאוק־אינדוסטריע, ארויסגעקומען מיט עפעס א פראפיט. דער קאנטראקטאר איז געווארען אומפאראנטווארטליך. זיין פרייז און דער פרייז פון זיינע ארבייטער איז באשטימט געווארען פון דעם אינסייד־מאנופעקטשורער. דער קאנטראקטאר איז פארוואנדעלט געווארען אין א סארט פרייז־קאמיטע אדער שאפ־טשערמאן, וועלכער דינגט זיך אוים מיט זיין באס וועגען דעם פרייז, וואס ער און די איבעריגע ארבייטער זאלען קריגען.

עס מוז דארום זיין קלאר, אז א סטרייק געגען די קאנטראקטארס וועט ניט און קען ניט העלפען. דער פרייז פון דעם גארמענט ווערט באשטימט פון דעם דזשאבער. דער קאנטראקטאר מוז זיך אונטערווארפען, ווייל אזוי איז דער מארקעט פרייז, אזוי פארלאנגט די קאנקורענץ, און דער ארבייטער אין שאפ קען זיך גארניט העלפען, ווייל א סטרייק געגען דעם קאנטראקטאר, וואס האט 10 מאשינען, קען גארניט אויספיהרען געגען די דריי אדער פינף הונדערט מאשינען פון דעם דזשאבער, וועלכער האט זיי צושפרייט אין זיינע פארשידענע אנדערע שעפער.

(שלום נעקסטע וואך.)

מלאך־המות פאליטיק

פון א. זעלדין.

דער טויט איז זעהר א דעמאקראטי'שע אינסטיטוציע אין דעם זין וואס ער שוינט קיינעם ניט, אפילו געקרוינטע הערשער אדער פרעזידענטען. אבער, מאדנע ווי דאס איז, ער איז זעהר ווייניג צוגעפאסט צו דער דעמאקראטי'שער אמעריקא.

מיר זאגען עס אקעגען דעם טויט פון פרעזידענט הארדינג.

נו, ווי געוועהנליך, מוז מען דאס אננעהמען אלס א גאנץ נאטירליכע ערשיינונג. ער איז ניט געווען דער ערשטער און ער איז אויך ניט דער לעצטער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען וואס זיינען אוועק פון דער וועלט מיט א נאטירליכען אדער אומנאטירליכען טויט. אבער עס האט זיך געמאכט אזוי, אז זיין טויט האט ארויסגערופען א שרעקליכען פאליטישען כאאס. עס איז אזא צעטומלעניש אין די מחנות פון די פאליטישענס, אז קיינער איז ניט זיכער וואס דער מארגען וועט ברענגען. און די צעטומלעניש איז ניט נאר אין די רייהען פון דער רעפובליקאנער פארטיי, פון וועלכער מר. הארדינג איז געווען דער אפיציעלער באנער־טרעגער, נאר אויך ביי די דעמאקראטען. עס האט זיך געמאכט אזוי, אז צוליב דעם טויט פון איין־איינציגען מענשען זאלען אלע פאליטישע פלענער דארפען איבערגעמאכט ווערען, און דאס איז צוליב דעם פארלוסט פון א מענשען, וואס סיי זיינע פריינט און סיי זיינע פיינט האבען ניט געהאלטען פאר א גרויסער פערזענליכקייט.

פרעגט זיך דאך די קשיה: היתכן? פארוואס זאל דאס זיין אזוי?

איז דער ענטפער — אמעריקא. אמעריקאנער פאליטיק.

דאס איז א ספעציעלער מין פאליטיק, — א פאליטיק ניט פון אידעען אדער פרינציפען, אויך ניט א פאליטיק פון אפענע עקאנאמישע אינטערעסען, נאר א פאליטיק פון פערזאנען, מאנעווערען און בלינדען צופאל. אין אזא מין פאליטיק קען די קלענסטע קלייניגקייט איבערקעהרען די שיסעל און ארויסרופען א כאאס.

אין אנדערע לענדער, וואו די פאליטיק איז א קריסטאליזירטע און די פארטייען האבען אן אינהאלט, א גוטען אדער א שלעכטען, איז אזא זאך כמעט אונמעגליך. די באזייטיגונג פון א שטאאטסמאן, דורכ'ן טויט אדער אן אנדער אורזאך, איז פון א פארהעלטניסמעסיג קליינער באדייטונג, סיידען די באטרעפענדע פערזאן איז א פערזענליכקייט פון אזא גרויסער באדייטונג מיט אזא ברייטען און טיפען איינפלוס, וואס האט אזוי פיל באאיינפלוסט דעם גאנג פון די פאסירונגען, אז זיין באזייטיגונג מוז זיך אפרופען צום גוטען אדער צום שלעכטען. אבער אזעלכע מענשען פארנעהמען ביי היינטיגען טאג מעהר קיין פלאץ ניט אין דעם פאליטישען לעבען. פאליטיק איז געווארען די פאלשטענדיגע מאנאפאל פון מיטעלמעסיגקייטען און עס פיהרט זיך געוועהנליך, אז ווען איין מיטעלמעסיגקייט געהט אראפ פון ביינקעל כאפט זיך א צווייטע מיטעלמעסיגקייט גלייך ארויף און אלץ בלייבט ווי געווען.

אין אמעריקא אבער, וואו די פאליטיק האט ניט קיין באשטימטען צוועק, פראגראם אדער פלאן, האט הארדינג'ס טויט דעריבער געקענט אנמאכען אזא שרעקליכען גערודער. פאליטיק איז דא ניט מעהר ווי א טראדיציע, און דעם פרעזידענט'ס טויט האט איבערגעלאזען די פאליטישענס ווי אין מיטען וועג, אין א פינסטערער נאכט אין א געדיכטען וואלד, און זיי ווייסען ניט וואוהין ווייטער צו געהן.

נו, אזוי לאנג ווי הארדינג האט געלעבט און איז געווען א קאנדידאט פאר רענאמינאציאן, איז אלץ געווען קלאר און גלאט. די רעפובליקאנער האבען געהאט זייער פיהרער, וועלכער האט געדארפט פארדינען א צווייטען טערמין און זיי האבען זיך ניט געדארפט ברעכען דעם קאפ אויף אישוס און פראגראמען. עס האט געזאלט הייסען, אז הארדינג'ס אדמיניסטראציע איז געווען א גרויסער ערפאלג און דערפאר אליין האט זי געדארפט אינדארסירט ווערען מיט א צווייטען טערמין. דאס ווידער האט געקענט דינען אלס א גוטער מיטעל שטום צו מאכען די אפאזיציע אין די רעפובליקאנער רייהען גופא. די לידערס האבען געענטפערט צו די אלערליי אספיראנטען פון די אפאזיציאנעלע לאגערען: וואס ווילט איהר? מיר האבען אונזער קאנדידאט! ער האט „גוט געמאכט“ און פארדינט ווידער נאמינירט צו ווערען. די אספיראנטען וואלטען דאן געהאט בלויז די ברירה אפצושפאלטען זיך פון דער פארטיי און מאכען שבת פאר זיך, אבער די געפאהר איז געווען זעהר א קליינע. די פראגרעסיווע און אפילו די ראדיקאלע טיילען אין דעם רעפובליקאנער לאגער זיינען פון אזא קאליבר, אז זיי וועלען ניט געהן פארלאזען דעם פארטוך פון דער אלטער מאמע צוליב אבסטראקטע אידעען. ביי זיי איז דער פראגרעסיוויזם און ראדיקאליזם, אין די מעהרסטע פאלען, ניט מעהר ווי א שטאפעל צו קלעטערען העכער צו דער פרעזידענטשאפט. אפפערען פאר דעם, איבערהויפט צו ריזיקירען, זיינען זיי נאך ווייט ניט גרייט.

פאר די דעמאקראטען, פון דער צווייטער זייט, איז די לאגע אויך געווען זעהר א קלארע. זיי האבען בלויז געדארפט זיצען שטייף און ווארטען אויף די פראטעסט־שטימען וואס די בירגער וועלען אריינווארפען אין דעם טאג פון די וואהלען געגען דער הארדינג־אדמיניסטראציע און געגען דער רעפובליקאנער פארטיי. זיי האבען גאר ניט געדארפט זיך אנשטרענגען צו געווינען נייע שטימען מיט פארשפרעכענדע אישוס. וואס זיי האבען געדארפט איז בלויז אנצושטעלען גענוג „וואטשערס“. די רעפובליקאנער זאלען ביי זיי ניט צו'גנב'ענען די פראטעסט־שטימען. ביי זיי איז נאר געווען א פראגע וועגען ארויסשטעלען אלס קאנדידאט עפעס א פארוועזען ליבעראל, ווי א שטיינער מעקאדו אדער אן אנדערען פון דעמזעלבען טיפ — עפעס א מענשען, וואס איז ניט צופיל פארהאסט ביים עולם, און וואס זאל אויך גלייכצייטיג זיין א שטיקעל חשוב אין וואל סטריט, אז ער זאל קענען קריגען קעמפיין־ביישטייערונגען. דאס איבעריגע איז שוין געווען באשטימט אין פאראויס פון דער טראדיציע.

אבער דער מלאך המות האט געמאכט פון אט די אלע פלענער א תל און די פאליטישענס ברעכען זיך דעם קאפ.

ערשטענס, די רעפובליקאנער פאליטישענס. ביי זיי איז די הויפט־פראבלעם קאלווין קולידזש.

קולידזש איז פון יענע מענשען, וואס וואלטען אליין, אהן דער הילף פון א צופאל, ניט געקענט ערוועהלט ווערען פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאאטען. דער פאקט איז, אז אויף דער לעצטער רעפובליקאנער קאנווענשאן, ווען קולידזש איז אויך געווען א קאנדידאט, איז די דעלעגאציע פון זיין איינענעם סטייט, מאסאטשוזעטס, געווען געגען איהם. נאמינירט איז ער געווארען אלס וויס־פרעזידענט נאר דערפאר וואס די דעלעגאטען זיינען שוין געווען אויסגעמאטערט און האבען זיך געאיילט אהיים און עס איז ניט געווען קיין אנדערער, וואס זאל וועלען נעהמען דעם אמט. דאן איז קיינעם, ווי עס זעהט אוים,

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

כדי דער עולם זאל ניט אזוי שרעקען זיך פאר דעם בעפארשטעהענדען מיינער־סטרייק, און, אפשר, אויך כדי אפצושלאגען אביסעל דעם מוט פון די הארט־קוילען מיינער, האט פרעזידענט קולידזש ארויסגעלאזען אן ערקלערונג, אז, אויב עס וועלען ניט זיין קיין הארטע קוילען, וועט ער זעהען, אז דער עולם זאל האבען גענוג ווייכע קוילען, וועלכע זיינען „זשאסט עז גוד“. און דער עולם האט זיך אביסעל בארוהיגט. יע, אזוי גוט, אדער ניט אזוי גוט, אבער על כל פנים די געפאר צו פרירען איז בעזייטיגט פון פרעזידענט קולידזש. קומט אבער ארוים די פרעסע באלד מיט א ידיעה, אז די מיינער פון די ווייכע קוילען, וועלכע זיינען „זשאסט עז גוד“, האבען גאר בדעה ארויסצוגעהן אין א סימפאטיע־סטרייק מיט זייערע ברידער, וואס גראבען די הארטע קוילען, און דער עולם ווערט ווידער גאנץ אונרוהיג. איז אבער פרעזידענט לואיס פון די יונייטעד מיין ווארקערס יוניאן ניט אזא מענש, וואס זאל וועלען פאראורזאכען אונזער עולם אן איבעריגע סיבות עגמת נפש, קומט ער ארוים גלייך מיט זיינע אן ערקלערונג, אז די גאנצע מעשה איז ניט אמת. אז די מיינער פון די ווייכע קוילען האבען א קאנטראקט מיט זייערע בעלי־בתים און זיי וועלען אין א סימפאטיע־סטרייק ניט ארוים. איז שוין דער עולם ווידער בארוהיגט. אמת, די קוילען־„זשאסט־עז־גוד“ זיינען גארניט אזוי גוט, אבער על כל פנים די געפאר צו פרירען איז זעהר ווייט, מעג דארום דער סטרייק פון די קוילען מיינער קומען. אפשר וועט זיך דאך איינגעבען צו צוברעכען זייער יוניאן, זייער מורא'דיגע מאכט.

יע, אזוי איז שוין די וועלט. וואס מעהר איינער איז גוט צו איהר, אלץ ערגער איז זי צו איהם. און דער פאראדאקס פון דער גאנצער געשיכטע איז, וואס דעם דאנק וועט קריגען פרעזידענט קולידזש, אלס דער רעטער פון סיטואציע, און ניט פרעזידענט לואיס, וועלכער האט טאקי די מאכט צו מאכען דעם עולם פרירען, און דאך ניט דערלאזט דערצו.

פאריז איז גארניט געווארען, פראנקרייך בלייבט אלץ די באלעבאסטע אין רוהר. יע געזעצליך, אדער ניט, זי איז דארט. און ענגלאנד איז אין דערזעלבער לאגע פון הילפלאזיגקייט, ווי געווען. דאס איינציגע, וואס בלייבט, איז זיך ווידער נעהמען צו „קאנווערזאציאנען“ צווישען די צוויי פרעמיערען. אפשר אין די פערזענליכע געשפרעכען וועט מען זיך דאך דערריידען צו עפעס. איי דאס האט מען דאך שוין פריהער געטאן, און עס איז גארניט ארויסגעקומען פון דעם? ווייסט איהר אבער פון אנאנדער אויסוועג, אז פראנקרייך וויל פארט ניט ארוים פון רוהר? ווי עס זעהט אוים, וועט ענגלאנד מוזען שלום מאכען מיט דעם פאקט, אז פראנקרייך האט פונקט אזא רעכט צו באלעבאטעווען אין דייטשלאנד, ווי זי האט עס אין עגיפטען, אין אינדיען און אין איהרע פילע אנדערע קאלאניעס, וואו זי פיהלט זיך אזוי היימיש.

אין 26 שטונדען פון סאן פראנציסקא נאך ניו יארק! ווער וואלט עס געגלויבט מיט איינិגע יאהר צוריק? און דאך איז עס איצט א פאקט. סאן פראנציסקא איז געווארען אזוי נאהענט צו אונז, טאקי כמעט ווי מיט דער האנט צו דערלאנגען. אנשטאט צו ווארטען אויף א בריף, למשל, וועגען דעם סטרייק פון די קלאוקמאכער אין סאן פראנציסקא גאנצע פינף מעת־לעת, וועלען מיר עס קענען קריגען אין 26 שטונדען. אין פאל, עס זאל זיין זעהר וויכטיג, קען אויך פרעזידענט זינמאן זיין דארט אין דעם משך פון איין מעת־לעת און זיך שטעלען אין פראנט פון די סטרייקער. ווירקליך, די פליה־מאשין וועט פריהער אדער שפעטער ווערען די גרעסטע רעוואלוציאנערע קראפט אין דער וועלט, ווייל זי וועט מאכען אונזער גרויסע וועלט פאר איין קליין וועלטעל. זי וועט ברענגען אין די שטארקסטע נאהענטקייט לענדער און פעלקער, וועלכע זיינען געווען אזוי ווייט, און אזוי פרעמד איינע צו די אנדערע. זי, מעהר ווי אלעס אנדערעס, וועט ברענגען דערצו, אז דער אינטערנאציאנאליזם זאל ווערען א ווירקליכקייט.

דער נייער דייטשער רייכסקאנצלער, הער שטרעסמאן, ווייזט זיך ארוים צו זיין אביסעלע ווייכער אין זיין פאליטיק צו פראנקרייך, ווי זיין פארגענגער. ער וויל באצאהלען די ריפערייטשאנס, ער איז בארייט „צו אפפערען א טייל פון דעם דייטשען עקאנאמישען סיסטעם אלס גאראנטיע, אז דייטשלאנד וועט נאכקומען איהרע ריפערייטשאן־פארפליכטונגען“, אבער ער וועט ניט און קען ניט געבען אלס משכן די רוהר, ווען נאר אפילו בלויז פאר א צייט. אויך קען ער ניט מרוצה ווערען איבערצוגעבען פראנקרייך די רהייניש אייזענבאהנען, אויך ניט קיינע אינדיווידועלע מינען אדער אנדער אייגענטום פון רוהר אדער דעם רהיין. אין דעם פונקט—האט דער דייטשער קאנצלער ערקלערט — קען דייטשלאנד קיין קאמפראמיס ניט מאכען. יע, עס איז געווען א גאנץ שעהנע רעדע. אבער וואס העלפט דאס אלץ, אז פראנקרייך וויל דוקא די מינען און די אייזענבאהנען און אנדערע אייגענטום פון דעם רוהר און רהיין? און וואס העלפען אלע רייד געגען דעם פאקט, אז עס איז ניטא קיינער, וואס זאל קענען אפהאלטען פראנקרייך פון אויסצופיהרען איהר פארלאנג? דאס באדייטונגפולסטע אבער אין דעם דייטשען קאנצלער'ס רעדע איז ניט אזוי דאס, וואס ער האט געזאגט, נאר דאס, וואס ער האט פארשוויגען. און ער האט אינגאנצען פארשוויגען דעם פונקט פון פאסיווען ווידערשטאנד, וואס איז ביז איצט געווען די איינציגע וואפע, מיט וועלכער דייטשלאנד האט זיך געוועהרט. און דערמיט האט זיין רעדע, נאטירליך, שטארק אויסגענומען אין פאריז.

בנאמנות א טשיקאווע שטיקעל נייעס איז געווען צו לעזען די וואך אין די צייטונגען. פון אן ענגלישער שיף, וואס איז פארזונקען געווארען אין דער צייט פון מלחמה פון די דייטשען ביים ברעג פון אייערלאנד, און וואס איז געלעגען אויפ'ן גרונד פון ים, האט מען ארויסגעראטעוועט באלד 30 מיליאן דאלאר גאלד און 5 מיליאן אין זילבערנע מטבעות. יעדער קען זיך משער זיין, אז די ארבייט פון די, וועלכע האבען זיך ארומגעלאזען אויפ'ן גרונד פון ים, איז געווען א לעבענסגעפעהרליכע. אבער, וואס פאר א ווערדע האט א מענשליך לעבען, אז עס האנדעלט זיך וועגען ראטעווען עטליכע־און־דרייסיג מיליאן דאלארס! די מענשען, וואס האבען זיך ארונטערגעלאזען אויפ'ן גרונד פון ים, האבען געהאט צו קעמפען מיט פארשידענע ים־מאנסטערס. היינט דער דרוק פון וואסער אויף א טיפעניש פון נייצינג פוס איז אויך ניט קיין קלייניגקייט פאר דעם מענשען, וואס האט לונגען, וואס זיינען צוגעפאסט בלויז פאר דער יבשה, אבער זיי האבען דאס אלץ ביינגעקומען, און געבראכט כמעט איינגאנצען דאס גאלד, וואס איז איינגעזונקען צוזאמען מיט'ן שיף. אפשר וועט דער פאקט, וואס מען קען אפילו פון ים ארויסרייסען זיין רויב, מאכען א סוף צו דער פראקטיק צו פארזינקען שיפען אין א צוקינפטיגער מלחמה.

דער „אינסטיטוט אוו פאליטיקס“ אין וויליאמסטאן, מאסס., וואו פארשידענע פראמינענטע מענשען פון פארשידענע לענדער ווערען איינגעלאדען יעדען זומער־סעזאן ארויסצוזאגען זייערע מיינונגען און איבערצייגונגען, האט אלס דעם לעצטען רעדנער פאר דעם סעזאן איינגעלאדען אוירל בוירקענהעד, געוועזענער לארד־קאנצלער אין לאיד־דזשארדזש'עס מיניסטעריום־קאבינעט. איז וועגען אלע אנדערע רעדען, כאטש פילע פון זיי זיינען געווען העכסט־וויכטיגע, האט מען גאנץ ווייניג געהערט. אבער דערפאר האט די רעדע פון דעם געוועזענעם ענגלישען לארד־קאנצלער ארויסגערופען א שטורם. און ניט אזוי מיט זיין גאנצער רעדע, ווי מיט בלויז א פאר ווערטער זיינע. ער האט געזאגט, אז דער געוועזענער פרעזידענט ווילסאן איז במחילה א גרויסער מלמד. אמת, א מלמד מיט גוטע כונות, אבער טאקי ניט מעהר ווי דאס. אט דאס האט ארויסגערופען א שטארקען שטורם איבער'ן לאנד. ווי רעדט מען עס אזוי פון א געוועזענעם פרעזידענט? און איבערהויפט, ווען איינער איז נאך א גאסט? טאקי זעהר ניט דיפלאמאטיש, און טאקי אביסעל ניט שעהן, ווייל ווער ווייס, וואס עס וואלט איצט געווען מיט ענגלאנד און פראנקרייך, ווען דער מלמד מיט זיינע שעהנער פראזע וועגען „רעטען די וועלט פאר דעמאקראטיע“ שלעפט ניט אריין אמעריקא אין מלחמה, אבער דעם אמת וועגען דעם געוועזענעם פרעזידענט האט ער דאך געזאגט.

אין סאמערסעט, פא., געהט אן א גרויסע מלחמה צווישען די עלטערען און טעכטער. די עלטערען זיינען געגען די קורצע קלייד מיט די געשוירענע האר. די טעכטער זיינען ענטשלאסען צו קעמפען פאר זייערע רעכטע. האבען די וואך די עלטערען געהאט א מיטינג, אויף וועלכען זיי האבען געזאלט זיך בעראטען, ווי צו דיסציפלינירען זייערע טעכטער. האבען די טעכטער זיך דערפון

קורצע שמועסען
צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער

י. נעסא. — אייערע צוויי הענדבילס, איינער, וועלכע רופט צום דזשענעראל-סטרייק פון 1910, און דער צווייטער, וואס רופט צו דער לויה פון די טרייאנגעל-קרבנות, ערהאלטען. מיר גיבען אן, וואס פאר א הענדבילס דאס זיינען, כדי צו פאר-שפארען אנדערע צו שיקען די זעלבע. דר. לעווין איז איצט ניטא אין ניו יארק. אזוי שנעל, ווי ער וועט זיין צוריק, וועלען מיר עס איהם אי-בערגעבען, און דאן וועט ער אייך זיי צוריקשיקען מיט א דאנק.

גאלדמאן. — מיר דענקען ניט, אז עס וואלט געווען רעכט אייער בריף צו פארעפענטליכען. די אינסטיטושאן ווערט פארוואלטעט פון אונזערע יוניאן-לייט, און מיר קענען בשום אופן ניט דער-לאזען דעם געדאנק אז זיי זאלען וויסען ווענען וועלכע פיהרונגען און שווייגען. אויב, אלזא, עס איז אמת, ווי איהר שרייבט, ווארום זיך ניט ווענדען צו זיי, און ניט געהן אין דער עפענטליכ-קייט, וואס קען שטארק שאדען א זעהר וויכטיגע אינסטיטוציע אפילו ווען דאס וואס איהר שרייבט, איז ניט ריכטיג? ווארום, איהר ווייסט דאך: עס איז גענוג א פאלשער קלאנג, און דאן איז זעהר שווער עס גוט צו מאכען. אלזא, מיר וועלען ווענען דעם נאכפרעגען, אבער אונזער עצה צו אייך איז ניט צו פארלאזען זיך אויף אונז. נאר אליין שרייבען צו דער פארוואלטונגס-קאמיטע, בעסער צום פרעזידענט פון דער פארוואלטונג, און איהר וועט זיכער הערען פון זיי.

מ. וואלף. — די צייט וואס איהר ניט אז פאר אונזער טרעפען זיך איז זעהר ניט קיין גוטע פאר אונז. אין די נעכסטע עטליכע וואכען גע-ווים ניט. וועלען מיר עס דארום מוזען איבער-לאזען אויף ווען-עס-איז שפעטער, ווען איהר וועט ניט זיין אזוי ביזי, און זיך קענען אריבערכאפען אין אפיס אין אירגענד א שטונדע נאכמיטאג.

וו. ג—ט. — ניט מיר געדענקען, אז מיר האבען פון אייך ערהאלטען דאס ביכעל, און ניט מיר געדענקען, אז מיר זאלען האבען אייך גע-ענטפערט. יעדענפאלס צווישען די ערהאלטענע ביכער געפינען מיר איהם ניט. מעגליך האבען מיר שוין אויך ניט געקאנט שרייבען ווענען דעם.

מ. צ. — ווערט פארעפענטליכט. אוו. מעג-ליך, נאך אין דעם נומער.

ל. קלאטין. — טאקי פון אייער איינענעם ארגומענט, אז איהר זאלט נאר וועלען ציהען א אמת-יאנישען שלום, דארפען די קלאוקמאכער קעמפען מיט אלע כוחות געגען שטיק-ארבייט. הערט זיך נאר צו אייערע איינענע ווערטער: דער ביזנעסמאן זוכט צו קריגען זיין ארבייט געמאכט וואס בילינער. ד ע ר פ א ר טרייט דער קלאוק מאנופעקטשורער צו האבען זיין ארבייט געמאכט פ ו ן ש ט י ק. האט איהר דאך, אלס קלאוק-מאכער, בעדארפט אזוי ענטפערן: אהא, דו ווילסט דיין ארבייט ביליג געמאכט, דיר ווילט זיך שטיק-ארבייט, דו וועסט עס ביי אונז ניט פועל'ן. קומט נאר ביי אייך אויס, אז דער באס וויל שטיק-ארבייט, דארף עס דער ארבייטער אויך וועלען! געווים איז עס א צרה, וואס דער מאנופעקטשורער קריגט געמאכט די ארבייט פון שטיק. איז טאקע געגען דעם קעמפט די יוניאן: געגען דעם זוכט זי מיטלען, ווי ניט צו דערלאזען דערצו. דאס איז ריכטיג, דאס איז לאגיש. אבער איהר זאגט: דער באס וויל שטיק-ארבייט, לאמיר עס איהם נאכ-געבען. דאס איז זעהר ניט לאגיש. דאן, לויט אייער בריף, ווילט איהר שטיק-ארבייט, נאר מיט דעם תנאי, אז דער ארבייטער זאל זיין גע-ראנטירט מיט א מינימום פון 50 דאלאר די וואך. דאס איז, פריינד, א ווידערשפרוך אין זיך. מען קען ניט האבען אי שטיק-ארבייט און אי א בע-שטימטע וועכענטליכע ווידזש צוזאמען. נאר ווע-גען דעם קען מען דעבאטירען, אבער דער בעס-טער פלאץ פאר דעם איז דער יוניאן-מיטינג. פון דעם באריכט פון אייער מענעדזשער, וויס-פרעזידענט העללער, זעהען מיר, אז איהר האט יעדען דאנערשטאג אזעלכע מיטינגען, אויף וועלכע פארשידענע טרייד-פראגען ווערען דיסקו-טירט. דארט איז דער פלאץ. דארט קענט איהר בעסער קלאר מאכען אייערע מיינונגען, ווי אויפ'ן פאפיר. אגב, ווען איהר וועט קלאר מאכען אייער שטאנדפונקט, און ווען פרעזידענט העללער וועט מיט אייך איינפארשטאנען זיין, האט איהר אין איהם אן אויסגעצייכענטען פארטיידיגער, און ער וועט געווים ניט פארפעהלען פארצובריינגען אלע אייערע פלענער פאר דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באורד.

ה. דארדיק, פילאדעלפיא. — אייער בריף איז אנגעקומען. צו שפעט פאר לעצטען נומער. נעכסטעס מאל שיקט פריער אין צייט. אייער בריף איז א העכסט-וויכטיגער, ווארום אין איהם ווערט דערצעהלט, ווי די לינקע אייערע, וואס האבען געהאט אזא מפלה ביי די וואהלען, נעמען נקמה מיט דעם וואס זיי פיהרען זיך אויף די מיטינגען, ווי ווילדע, און לאזען בשום ניט אפ-האלטען קיין מיטינג. דאס מוז גלייך געשטאפט ווערען. דער דזשאינט באארד מוז די דאזיגע חברה-לייט גלייך שטעלען צום טרייעל פאר אן אויספיהרונג, וואס איז געגען יעדע יוניאן-דיסציפלין. זאלען זיי דערפיהלען, אז זיי קענען ניט בושעווען אונבעשטראפט, וועלען זיי אויפ-געבען זייער ווילדע טאקטיק.

ש. א. ע—אן. — צוליב איינינע אומשטענ-דען פון די גאנצע פראגע ווענען דעם אפגעליינט ווערען אויף אן אונבעשטימטע צייט. ווען מיר וועלען וויסען עטוואס גאנץ בעשטימטעס, וועלען מיר זיכער ניט פארפעהלען אייך וויסען צו לאזען.

י. האנדרוועגער. — מיר האבען איבערגעלייענט אייער בריוועל, און מיר פיהלען מיט אייך באמת מיטלייד. ווארים אייך קען מען בשום אופן ניט צורעכענען צו די פארפיהרער. איהר זייט א קרבן פון אלערליי נארישע פראזען. דיסקוטירען מיט אייך האלטען מיר פאר ארויסגעווארפענע מיה, ווייל פון אייער בריוועל זעהען מיר, ווי ווע-ניג איהר פארשטעהט דאס, וואס איהר לייענט אין „גערעכטיגקייט", און געגען וואס איהר פרא-טעסטירט אזוי מנושמ'דיג. צו אזעלכע ווי איהר, האבען מיר גארנים. איהר מיינט עס געווים גאנץ עהרליך, אז די יוניאן-פיהרער האבען וועקגע'הרג'עט די גאנצע קלאוק-אינדוסטריע. געווים, איהר האט עס געהערט פון אייערע רביים, און איהר פלאפעלט נאך. אין אזעלכע פעלע, ווי אייערע, האבען מיר נאר איין האפנונג: אפשר וועט איהר שפעטער איינזעהן, ווי פארפיהרט איהר זייט געווען.

ב. לעוו. — דער בריף צו די לאקאלס און צו די דזשאינט באארדס, ווי אויך אונזער עדיטא-ריעל מיט א וואך פריהער נויטיגט זיך ניט אין קיינע פירושים. מיר האבען שוין אונצעהליגע מאל ערקלערט, אז מיר זיינען פון דער מיינונג, אז יעדער מיטגליד מעג האבען און זאל האבען זיינע איינענע פאליטישע, רעליגיעזע און סאציאלע איבערצייגונגען, און קיינער זאל קיין רעכט ניט האבען איהם אריינצוזאגען דאס מינדעסטע ווענען דעם. מיר זאגען, אז פונקט ווי איין יוניאן-מעמבער האט א רעכט צו זיין א גאט-גלויביגער, אזוי האט דער צווייטער א רעכט ניט צו גלויבען אין גאט. ווען אבער דער גאט-גלויביגער וועט נעהמען זיינע אינסטרוקציעס, ווי ער זאל זיך אויפפיהרען אין דער יוניאן, וואס ער זאל טאן, און וואס ער זאל ניט טאן אין דער יוניאן, אדער אין שאפ, פון דעם, וועלכען ער האלט פאר גאט'ס שטעל-פארטרעטער אויף דער ערד, און ניט פון דעם, ווי די מאיאריטעט פון דער יוניאן האט באשלאסען, און ניט, ווי די יוניאן-קאנסטיטוציע פארלאנגט, דאן האנדעלט אזא מעמ-בער געגען די אינטערעסען פון דער יוניאן. פונקט אזוי וואלטען מיר געווען געגען דעם ניט-גלויביגען, ווען ער וואלט זיך אויפגעפיהרט אויף אזא אופן, ד. ה., גענומען זיינע אינסטרוקציעס פון איינעם, וועמען ער האלט פאר זיין אויטא-ריטעט. אזא אויפפיהרונג, האבען מיר שוין איינינע מאל ערקלערט, און אויך ערשט נאך נאר ניט לאנג צוריק, צו דער געלעגענהייט פון די וואהלען אין דער קלאוקמאכער יוניאן אין פילא-דעלפיא, דעמאנסטרירט, אז די מענשען, וואס האנדלען אזוי, האבען נאר קיינע איינענע איבער-צייגונגען: און אזעלכע מענשען, אלס פיהרער פון א יוניאן, זיינען ווירקליך אן ערנסטע געפאהר פאר א יוניאן. ווייל, ווי באלד זיי האבען אליין ניט זייערע איינענע מיינונגען, קען דאך יעדער שארלאטאן, יעדער דעמאגאג, פארפירען זיי, דער טייפעל ווייסט וואוהין. אזעלכע מענשען, וואס פארלאזען זיך אין אלין אויף אנדערע, זיינען געפעהרליך פאר דער יוניאן זשגאר, ווען זיי זיינען נאר איינפאכע מיטגלידער. דאס איז טויזענט מאל אבער ריכטיגער, ווען אזעלכע זיי-נען יוניאן-באאמטע. דער בריף, אלזא, פון פרעזידענט זיגמאן צו די לאקאל- און דזשאינט-באארדס איז זעהר קלאר. ער לאזט ניט צו קיינע פירושים און קיינע פארטייטשונגען. ווען איינער דענקט, אז די פאליסי פון דער טרייד-יוניאן עדיוקיישאנאל ליג איז די ריכטיגע, איז זיין פלאץ דארט, אבער ניט אין דער יוניאן, וועלכע פארפאלגט א גאנץ אנדער פאליסי. דאס מיינט ניט, חלילה, אז די יוניאן וועט אזא מענ-שען פארפאלגען, מאכען פאר איהם אונמעגליך צו פארדינען זיין ברויט, אלס ארבייטער. אזוי האט אונזער יוניאן קיינמאל ניט געהאנדעלט. איהר וועט זיך דערמאנען, ווי די יוניאן האט געהאנדעלט מיט די רעדעל-פיהרער פון דעם אמאליגען לאקאל 1, נאכדעם, ווי די יוניאן האט איהם רעארגאניזירט. זיי זיינען פאר א צייט לאנג געשטאנען אויסער דער יוניאן, אבער קיי-נער קען ניט באהויפטען, אז די יוניאן האט זיי ניט געלאזען ארבייטען. דערפאר פאלט אין גאנ-צען אוועק די עקאנאמישע זייט פון דער פראגע. שלין, וואס די יוניאן וויל, איז די זיכערהייט ניט צו האבען קיין שונאים אין איהר איינענער מיטע. דארום קומט זי צו די, וועלכע האבען ביז איצט געהערט צו א יוניאן, וועלכע זי באטראכט מיט רעכט אלס אן אפאזישאן-יוניאן, און זאגט צו זיי: וועהלט אויס איינע פון די ביידע יוניאנס. אדער איהר בלייבט מיט אונז, דאן קענט איהר ניט זיין דארט, אדער איהר בלייבט דארט, קענט איהר ניט זיין מיט אונז. זי זאגט צו די מענשען: איהר דענקט, אז אמאלגאמיישאן איז נויטיג, איז גוט, איהר האט א רעכט דערצו; אבער די יוניאן אין איהר גרויסער מאיאריטעט, די יוניאן אויף איהר קאנווענשאן, האט דערוויל באשלאסען געגען דעם, איהר קענט דארום אגיטירען פאר אייער אידעע אין דער יוניאן, און פראבירען אויף דער קומענדער קאנווענשאן נאך אמאל אויפהויבען די פראגע, אבער איהר טארט ניט אגיטירען, אז איי-ער לאקאל זאל אננעמען א באשלוס פאר אמאלגא-מיישאן. ווארים אזוי שנעל, ווי אייער לאקאל טוט עס, רייסט ער זיך דערמיט אפ גאנץ אויטאמאטיש פון דער אינטערנעשאנאל, און האנדעלט דירעקט געגען דעם באשלוס פון דער קאנווענשאן. דאס ועלבע איז מיט אלע אנדערע תרופות, וועלכע ווערען באגרעסט [illegible] ראדיקאל, כאטש אין דער אמת'ן, אז [illegible] זיי און אנאליזירט זיי גרינדליך, [illegible] האבען עס געטאן שוין אין דער „גערעכטיגקייט", און אויך אויף דער קאנ-ווענשאן, [illegible] פונקט דער היפוך פון דעם. קוריץ און [illegible] באשלוס פון דעם ג. ע. ב. רויבט ניט [illegible] די פרייהייט פון קריטיק, די פרייהייט פון איבערצייגונגען. דאס טוט ניט און דאס [illegible] דער דזשענעראל עקזעקו-טיוו באארד. [illegible] איז אבער זיין פליכט אויפצו-פאסען, אז [illegible] לאקאל אונזערער זאל ווי עס בעסטען [illegible] זיינע אויפגאבען, און ער איז פון דער [illegible] איבערצייגונג, אז דאס קען נאר [illegible], ווען דער לאקאל ווערט ניט דיקטירט פון [illegible] פערפערשאפט, וואס איז גאנץ פרעמד צו [illegible]: ווען עס איז ניט איר-גענד א קאקוס-[illegible], וואס באשליסט אויף פריה-ער, וואס [illegible] ווערן אויף דעם און דעם מיטינג, [illegible] זאל'ן געשטעלט ווערען אויפ'ן באלאט, [illegible], און ווער נישט — ווען עס [illegible] מיט א לאקאל אזוי ווייט, איז זיין גאנצע [illegible] א „פיקציע", אן אויס-געטראכטע [illegible] זיין גאנצע ארבייט, וואס ער דארף [illegible] פאר איהם געטאן פון אנ-דערע און [illegible] ווייניג אוים, צו די כונה פון די [illegible] א גוטע אדער א שלעכטע. פאר דעם [illegible] עס פשוט דער טויט.

אינטערנעשאנאל זיג-טאג — געשפרעך אין שיקאגא.

(שלוס פון זייט 1.)

מיטינג אין מאריסאן האטעל אבער אויף יענעם מיטינג זיינען געווען פארזאמעלט בלויז די ארבייטער-פארשטעהער פון פאר-שיידענע יוניאנס.

לעצטע וואך האט אונזער שיקאגא'ער דזשאינט באארד איינבארופען א מיטינג אין אשלאנד אודיטאריום. דארט זיינען געווען פארזאמעלט באלד דריי טויזענט ארבייטער. דער מיטינג איז אדרעסירט געווארען פון סעמיועל גאמפערס, פון פרעזידענט זיגמאן, פון פיטצפעטריק און אנדערע. און אט דער מיטינג האט נאך שטארקער אויפגעשטורעמט די עפענטלי-כע מיינונג. אין די רעדעס פון אלע רעד-נער האט זיך געהערט דער אמת-רעבעלי-שער גייסט. פרעזידענט זיגמאן האט אין זיין רעדע אויסגעדריקט דעם געדאנק, אז אויב די דזשאדזשעס זאלען אנגעהן מיט זייערע אינדזשאנקשאנס, וועט ניט בלייבען קיין אנדער אויסוועג, אז אין יעדער שטאָדט, וואו נאר אזא אינדזשאנקשאן וועט ארויסגעגעבען ווערען, זאל עס ניט בלייבען פאר דער איינציגער יוניאן אויס-צופעכטען דעם קאמף, נאר די ארבייטער פון דער גאנצער בעטרעפענדער שטאָדט זאלען ארויס אין א סטרייק געגען דעם אינדזשאנקשאן.

געווים איז ברודער גאמפערס ניט גע-גאנגען אזוי ווייט, אבער זיין רעדע איז געווען א וואונדערבאר-צינדענדע, פון דעם זעלבען גייסט, ווי זיין רעדע אין מאריסאן האטעל, און פון דעם זעלבען גייסט זיינען געווען די רעדעס פון פיצפאטריק און פערלשטיין.

די אונטערשטע שורה איז, דאס די אינטערנעשאנאל איז איצט דער העלד פון טאג אין שיקאגא. עס איז גאר קיין צווייפעל נים, אז ווען די אינטערנעשאנאל רופט איצט ארויס א סטרייק פון די דרעסמייקערס, וואלטען זעהר ווייניג פון די ארבייטער געבליבען אין די שעפער, און די גאנצע עהרליכע עפענטליכע מיי-נונג וואלט געווען מיט די סטרייקער אין דער אינטערנעשאנאל. אבער צוליב גע-וויסע גאנץ שטארקע אורזאכען האלט די אינטערנעשיאנאל, אז עס איז נאך אביסעל צו פריה. ווען דער ריכטיגער מאמענט וועט קומען, און די אינטערנעשאנאל וועט רופען די ארבייטער צום קאמף, דאן וועט זיך קלאר ארויסווייזען די גרויסע ארבייט פון פראפאגאנדא און ארגאניזאציאן, וואס איז אויפגעטאן געווארען אין די לעצטע פאר וואכען מיט דער הילף פון די אינ-דזשאנקשאנס.

נאך [illegible]. עס איז געווען באריכ-טעט אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט", אז א קאמיטע פון דער יוניאן מיט וויס-פרעזידענט [illegible] פערלשטיין אן דער שפיצע קלייבט זיך [illegible] פאהרען צום גאווערנאר. דער פלאן [illegible] ניט אויסגעפיהרט געווא-רען. נאך [illegible] באראטונג מיט פרעזידענט זיגמאן [illegible] געקומען צום שלוס, אז עס איז [illegible], אז א קאמיטע זאל זיך צוזאמענ[illegible] מיט דעם מעיאר פון שיקאגא, [illegible] וועט געשעהן אין דעם משך פון [illegible] וואך.

פרעזידענט זיגמאנ'ס באזוך אין שיקאגא: מאכט א טיפע ווירקונג.

(שלוס פון זייט 1.)

אונז אלע [illegible] בלויז א גוטער באוויז, אז פאסטער [illegible] און וויים ווי זיין גאנ-צע „גיים" [illegible] אזוי אונערבארעמליך צו-קלאפט [illegible]. און זיינע סטראשונ-קעס וועלען [illegible] נאר ניט העלפען. די מאסקע פון [illegible] אנגענאנטער עדיוקיישא-נאל ליג [illegible] טערגעריסען געווארען, און פאסטער [illegible] מוזען זיך נעהמען טראכטען פון א [illegible] עטוואס אונטער אן אנדער [illegible]. די עדיוקיישאנאל-גיים איז [illegible]שפילט.

די לידיס [illegible] אין שיקאגא האט זיך פארוואנ[illegible] א ביסעל א קאקעטיר מאן מיט דעם [illegible]ליום פון דעם פאסטער סארט, און [illegible] האבען אויף זייערע א מיטינג [illegible] צו פראטעסטירען גע-גען די [illegible] פון די „זיבען", אויך האבען [illegible] זייער חכמה ערקלערט זיך ניט [illegible]ארשטאנען מיט דעם באַ-שלוס, אז [illegible]ער'ס עדיוקיישאנאל ליג איז אן [illegible] יוניאן. האט וויס-פרעזידענט [illegible]פערלשטיין זיי ערקלערט, אז דאס וועט [illegible]; אז אויב זיי זיינען ווירקליך [illegible] מיינונג, מוזען זיי בלייבען [illegible] ליג, אבער זיי קענען ניט זיין [illegible] פון דעם דזשאינט באארד און פון [illegible] אינטערנעשאנאל. ער האט זיי [illegible] צוויי וואכען צייט זיך מישב צו [illegible] און די לידיס טיילארס האבען זיך [illegible]. זיי האבען גע-ענדערט [illegible] באשלוס, און זיי בלייבען מיט דעם [illegible] באארד און דער אינ-טערנעשאנאל.

און [illegible] דער גאנצער ליגיע. די שיקאגא'ער [illegible]מאכער, וועלכע זיינען געווען [illegible] פאר א ווילע, הוי-בען אן [illegible]ציכטערען. פאסטער זעהט עס [illegible], און עס טוט איהם וועה. זיין גאנצע [illegible] איז אוועק אין גיוועץ, טו ווער [illegible] אויף איהם פאראיבעל הא-בען וואס [illegible] אזוי אין כעס, אז ער איז פארסט[illegible] צו כאפען שלאגען?

נאטירליך [illegible] ער אן נאך אנ-דערע מי[illegible]. ער האט איינבארופען א מיטינג, [illegible] און נאך אנדערע האבען גערעדט. און ווידער דיזעלביגע מעשה, אז פערל[illegible] איז א דיקטאטאר, א דעס-פאט, אבער [illegible] פרעזידענט זיגמאנ'ס ערקלערונג [illegible] די ווערטער געפאלען אויף טויב[illegible]. זיי האבען ניט גע-מאכט די [illegible] ווירקונג. אונזערע שיקאגא'ער יוניאנס וועלען באלד זיין הונדערט פראצענט לאיאלע יוניאנס פון דער אינ[illegible]אל.

דארפען פארשטעהן אז אן ארגאניזאציע אהן דיסציפלין און הארמאני קען ניט עקזיסטירען. אונזער שלאכט-ווארט דארף זיין פאליטיקס אין די פאליטישע פאר-טייען, מיר דארפען מאכען א לעבען.
ה. דארדיק, לאקאל 53,
לעדושער נומער 48.

דער מאגען?
עקס-לאקס!
דער באריהמטער מאגען רעגולירער
אלע פראגרעסיווע דראגיסטען פארקויפען עקס-לאקס
אין 10, 25 און 50 סענט באקסעס.

קויפט [illegible]שליסליך
קאלאמביא טהעע
[illegible] טשאי
ווהייט לילי טהעע

דער פאנאגראף

א פאפולערע ערקלעהרונג פון ל. באראדולין

וואס איז א פאנאגראף? — ווי אזוי רעפּראדוצירט ער קלאנגען? — ווי אזוי ווערען רעקארדס געמאכט? — ווי אזוי דארף מען זיך באנעהמען מיט א פאנאגראף?

(שלוס)

אין די פאריגע צוויי ארטיקלען האבען מיר ערקלעהרט ווי אזוי און פאר וואס א פאנאגראף רעפּראדוצירט קלאנגען, טענער און מוזיק און ווי אזוי רעקארדס ווערען געמאכט. דא ווערען מיר צוגעבען נאך איינינע פונקטען פון אינפארמאציע וואס קענען אינטערעסירען יעדען איינעם, ווער עס אינטערעסירט זיך מיט פאנאגראפען בכלל.

אזוי ווי דער פאנאגראף איז א מאשין וואס קאפירט אדער מאכט נאך די זעלבע וויבראציעס — ד. ה. די זעלבע צאל וויבראציעס אין א סעקונדע און פונקט אויף דעם זעלבען אופן, ווי זיי קומען פון פארשידענע מוזיקאלישע אינסטרומענטען, — דעריבער האט ער, דער פאנאגראף, געדארפט רעפּראדוצירען די אנגעזונגענע מוזיקאלישע טענער און קלאנגען מיט אן אבסאלוטער פינקטליכקייט; מיר האבען געדארפט פון דעם פאנאגראף הערען פונקט די זעלבע טענער, ווי זיי קומען פון לעבעדיגע זינגער און שפּילער און נים פיהלען אבסאלוט קיין אונטערשיד. אזוי קומט עס אוים טעארעטיש. אין דער ווירקליכקייט אבער ענטהאלט אין זיך דער פאנאגראף אזעלכע מעכאנישע עלעמענטען, וועלכע רויבען אוועק א היבשען טייל פון דער אילוזיע און וועלכע קענען ליידער אינגאנצען נים באזייטיגט ווערען.

פריהער פון אלץ קומט די פראגע וועגען די קריצערייען. כדי דער פאנאגראף זאל רעפּראדוצירען די קלאנגען איז נויטיג אז די נאדעל זאל זיך רייבען אן דעם הארטען רעקארד. פון דאס רייבען זיך ווערט א קריצערייי וואס פארשטארקט זיך דורך דעם אנקאר און דורך דער דיאפראגמע פון דעם „ספּיקער" און דורך דעם הארן אדער קאסטען, פון וואנען די קלאנגען קומען ארויס; און ענדליך ווערען די קריצערייען אזוי שטארק, אז זיי ווערען א גאנץ ערנסטע שטערונג צו דער מוזיק, וועלכע מען הערט אין דעם פאנאגראף. אבער אין דער הינזיכט זיינען נים אלע מאשינעס און נים אלע רעקארדס גלייך: אין איינינע פון זיי הערען זיך די קריצערייען שטארקערע, און אין אנדערע — שוואכער. אבער אינגאנצען באפרייען זיך פון די קריצערייען וועט נים זיין קיין מעגליכקייט אזוי לאנג ווי די פאנאגראפס וועלען זיין געבוים אויף דעם זעלבען פּרינציפּ, ווי זיי זיינען איצטער געבוים.

זעהר וויכטיג איז אויך דער מאטאר. עס איז נויטיג אז דער מאטאר זאל זיך דרעהען פאלשטענדיג רעגעלמעסיג; ער זאל נים לויפען אין איין מאמענט שטארקער, און אין דעם צווייטען מאמענט שוואכער. ער מוז אויך לויפען זעהר שטיל כדי זיין גערויש זאל מיט זיך נים פארטיליגען די טענער פון מוזיק. א גוטען מאטאר דארף מען קוים־קוים הערען ווען מען לייגט צו אן אויער דירעקט צו דער מאשין. וויכטיג איז אויך, אז די רונדע פלאטע, אויף וועלכער דער רעקארד ווערט געלייגט, זאל זיך דרעהען פאלשטענדיג רעגעלמעסיג; ער זאל זיך נים ווארפען ארויף און אראפ. ווען מען קויפט א נייע מאשין דארף מען גוט אכטונג געבען אויף די ברעגען פון דער פלאטע בשעת עס האלט זיך אין דרעהען און זעהען אז די פלאטע זאל זיך נים ווארפען ארויף און אראפ אפילו נים אויף דעם קלענסטען טייל פון אן אינטש; ווייל די נים רעגעלמעסיגע באוועגונג פון דער פלאטע רופט זיך שלעכט אפ אויף דער שארפקייט און קלאהרקייט פון די טענער.

אבער וויכטיגער פון אלץ אין א פאנאגראף איז די גאנצע קאנסטרוקציע, דאס גאנצע געבוי פון דער מאשין, און הויפּטזעכליך די קאנסטרוקציע פון דעם קאסטען, פון די הילצערנע טיילען.

בשעת די דיאפראגמע, דאס דין דורכזיכטיג ווענטעל פון דעם „ספּיקער", האלט אין וויברירען כדי צו רעפּראדוצירען די טענער, וויברירט מיט דער גאנצער קאסטען פון דעם פאנאגראף. איהר קענט זיך אין דעם איבערצייגען ווען איהר לייגט לייכט צו דעם שפּיץ פינגער צו דער מאשין בשעת זי שפּילט אדער זינגט שטארקע טענער. אט די מיטוויברירונג פון דעם גאנצען קאסטען, פון דער גאנצער מאשין, מוז זיין אין א געוויסען אנקלאנג מיט דער וויברירונג פון דער דיאפראגמע אין דעם „ספּיקער"; עס דארף אי פארשטארקען די קלאנגען אי מאכען זיי קלאהרער און מעלאדישער. א באדייטענדע ראלע שפּילט דא אויך יענע רעהר, וואס פיהרט פון דעם „ספּיקער" צו דעם אפענעם קאסטען, פון וואנען די טענער קומען ארויס. אט די רעהר דארף געבוים ווערען אזוי, אז די טענער זאלען זיך ביסלאבווייז פארשטארקען און צו דער זעלבער צייט זיין קלאהר און מעלאדיש. און אט די איינגענשאפטען באזיצען נים אלע פאנאגראפען אין דער זעלבער שטופע.

די בעסטע פאנאגראפען, לויט מיינע ערפאהרונגען, זיינען היינט צו טאג די „עדיסאן" און די „פּיראמידע."

די „עדיסאן" איז א מערקווירדיגע מאשין. זי גיט ארוים די טענער אזוי קלאהר, אזוי דייטליך און מיט אזוי פיל איינצעלהייטען און שאטירונגען, אז מען מוז זי איינפאך באוואונדערען. ווען מען הערט די „עדיסאן" מאשין זיינען פאראן מאמענטען, ווען עס דוכט זיך, אז די זינגער אדער שפּילער, אדער דער גאנצער כאר אדער דער גאנצער ארקעסטער שטעהען פאר אייך ווי לעבעדיגע און זינגען אדער שפּילען. האט אבער די „עדיסאן" צוויי גרינדליכע חסרונות. ערשטענס קריצט זי שטארקער ווי די אנדערע פאנאגראפען, און דאס רויבט אוועק א סך פון דער אילוזיע; כאטש די נייע „עדיסאן" מאשינעס און די נייע „עדיסאן" רעקארדס קריצען באדייטענד ווייניגער, ווי די פריהערדיגע. און צווייטענס האט די „עדיסאן" מאשין א זעהר באגרענעצטען אויסוואהל פון רעקארדס. די „עדיסאן" מאשין קען שפּילען נאר עדיסאן'ס רעקארדס, און נים קיין אנדערע. און די „עדיסאן" רעקארדס האבען נים קיין גענוג רייכען אויסוואהל פון זינגער און שפּילער. וויל מען הערען די ערשט־קלאסיגע זינגער און שפּילער, מוז מען אנקומען צו די „וויקטאר" רעקארדס, וועלכע די „עדיסאן" מאשין קען נים שפּילען. די „עדיסאן" האט טאקע אן „אטאטשמענט", מיט וועלכען מען קען אויך שפּילען די „וויקטאר" רעקארדס; אבער דאן איז די „עדיסאן" נים בעסער ווי א געוועהנליכע „וויקטאר" מאשין.

די „פּיראמידא" איז א פאנאגראף, וואס איז ערפונדען געווארען מיט א פאר יאהר צוריק פון איינעם א מר. וועבער, א אידישען יונגען מאן אין ברוקלין. די הויפּט מעלות פון דער „פּיראמידא" זיינען, ערשטענס, איהר פולקייט פון טאן. דאס איז נים יענע שרייענדיגקייט, וועלכע ווערט דערגרייכט, ווען מען שטעלט אריין א דיקערע נאדעל, נאר א באזונדערע מערקווירדיגע וואגיקייט פון טאן. צווייטענס גיט זי איבער די טענער פּינקטליכער און נעהנטער צו די אריגינעלע טענער, ווי אלע אנדערע מאשינעס. דריטענס באזיצט זי א מערקווירדיגע „דיפערענציאציע"; דאס מיינט, אז ווען עס שפּילט אן ארקעסטער אדער עס זינגט א כאר, גיסען זיך נים די טענער צוזאמען אין אן אלגעמיינעם גערויש, נאר מען קען מיט די אויערען נאכפאלגען יעדע שטימע אדער יעדען אינסטרומענט באזונדער, אויף וויפיל דאס איז בכלל מעגליך. און, פערטענס, קריצט זי ווייניגער ווי די אנדערע מאשינעס. די „פּיראמידא" באזיצט נים אלע מעלות פון דער „עדיסאן" מאשין; דערפאר אבער האט זי נים איהרע חסרונות. און אזוי ווי זי איז געבוים צו שפּילען די „וויקטאר", „קאלומביא" און אנדערע עהנליכע רעקארדס, דעריבער בלייבט זי אין דורכשניט די בעסטע מאשין, וואס ווערט אונז היינט צו טאג פארגעשלאגען.

וואס אנבאלאנגט רעקארדס שטעהט אויף דעם ערשטען פּלאץ די „וויקטאר" קאמפּאניע. איהרע רעקארדס זיינען, אין דורכשניט, בעסער, ווי די איבעריגע; געדויערען לענגער, און — וואס איז וויכטיגער פון אלץ — דער אויסוואהל איז דער רייכסטער. די גרעסטע ארטיסטען האבען אנגעזונגען און אנגעשפּילט די רעקארדס פאר די „וויקטאר" קאמפּאני.

די „קאלאמביא" האט פאר דער לעצטער צייט אנגעהויבען פּראדוצירען א נייעם מין רעקארדס, וועלכע זי ארדווערטייזט אונטערן נאמען „ניו פּראצעס". זיי זיינען ווירקליך גוטע רעקארדס, אזוי גוט ווי די „וויקטאר"; נאר דער אויסוואהל איז א באגרענעצטער.

נים שלעכט זיינען די רעקארדס פון דער „בראנזוויק" קאמפּאניע, וועלכע זוכט צו שליסען קאנטראקטען מיט די בעסטע זינגער און שפּילער, וועלכע זי קען נאר רעקרוטירען. קענטיג אז זי שטרעבט צו קאנקורירען מיט די „וויקטאר". דאס איז, איינענטליך, איהר עסק, אבער אז מען קען קריגען „בראנזוויק" רעקארדס פון גרויסע ארטיסטען — דאס איז א פאקט.

איך וויל פארענדיגען די ארטיקלען וועגען „פאנאגראף" מיט א פאר פּראקטישע עצות.

ווען מען קויפט א נייעם פאנאגראף וויל מען איהם געוועהנליך צוערשט „פּארהערען"; מען שטעלט ארויף עטליכע רעקארדס און מען הערט זיך איין ווי אזוי דער פאנאגראף שפּילט. איך וואלט נים געראטען צו „פּארהערען" א פאנאגראף מיט א רעקארד וואס איז אנגעזונגען געווארען פון יאסעלע ראזענבלאט אדער פון גאלי־קורטשי, ווייל די וויבראציעס פון זייערע שטימען זיינען אזעלכע אייגענארטיגע, אז זייערער א רעקארד וועט מאכען א גוטען איינדרוק אפילו אויף א שלעכטער און איבערהויפּט אויף א מיטלמעסיגער מאשין. גוט איז צו פּארהערען א נייע מאשין מיט קארוזא'ס א רעקארד, אויב מען וויל זיין איבערקלייבעריש. אבער דא דארף מען זיין פארזיכטיג און גוט איינהערען זיך. די הויפּט איינענשאפטען פון קארוזא'ס שטימע זיינען געווען א מערקווירדיגע קראפט און אן אויסערגעוועהנליך סאמעטענע ווייכקייט און זיסקייט פון טאן: די קראפט פון קארוזא'ס שטימע ווערט איבערגעגעבען כמעט אויף אלע מאשינעס. זיי אלע זיינען גענוג „שרייענד". אבער די גלאטקייט פון זיין שטימע איז אן איינענשאפט, וואס לאזט זיך אין פאנאגראף נים איבערגעבען. דעריבער זאגט מען טאקע, אז קארוזא'ס שטימע פארלירט אזוי פיל אין דעם פאנאגראף. די

(שלוס אויף זייט 14.)

א דאנק פאר דערמאנען

(פעליעטאן)

ז. זוהילער.

עס טרעפט אמאל, איהר קלייבט זיך אויף א ווייטער נסיעה, שוין אלץ איינגעפּאקט און איהר זיינט שוין פארטיג צום פאהרען. טוט אימיצער, אזוי זיך, פארבייגעהענדיג, א פרעג:

— נו, און די שיפס־קארטע האט איהר שוין גענומען?

אין איהר כאפּט זיך, אז סאמע דאס וויכטיגסטע, די שיפס־קארטע, האט איהר פארגעסען מיטנעמען. א שעהנעם פנים וואלט איהר געהאט ארויפקומענדיג אויפ'ן שיף אהן דער שיפס־קארטע...

אויף אונזער סאציאלער נסיעה האבען מיר זיך שוין איינגעפּאקט מיט אלערליי רעכטע און פּריווילעגיעס און פארבעסערונגען, אבער אן דעם וויכטיגסטען, אן דער שיפס־קארטע, האבען מיר פארגעסען: מיר האבען פארגעסען זיך איינשאפען די רעכטע צו לעבען ווי א נגיד.

— וואס הייסט? — וועט פאר מאנכע זיין קשה — איב א נגיד האט א רעכט צו לעבען ווי א שנארער, האט דאך, על פי דין, אן ארבייטער די רעכט צו לעבען ווי א נגיד...

על פי דין אפשר יא; אבער נים על פי יושר. נאכ'ן קאפּיטאליסטישען יושר נאך, טאר א קבצן נים וועלען לעבען ווי אן עושר.

די פראגע איז איצט ארויפגעשוואוימען איבער'ן לאנד צוליב דעם וואס אין דעטראיט האט דער קאמישאנער פון „פּובליק ווארקס" געפייערט א פרוי פון דזשאב דערפאר וואס זי איז געקומען צו פאהרען צו דער ארבייט אין אן אויטאמאביל.

די פרוי איז א „סקראבוואומען", דאס הייסט, זי וואשט פּאדלאגעס. אויב איהר זיינט אמאל געווען אין א סטיים־הויז, אדער אין א סיטי־האל, צי אין אנדערע עפענטליכע געביידעס, האט איהר געוויס נים געקענט זיך אפּ'חידושן ווי אזוי יעדע זאך בליצט און בלאנקט, זיך נאר צו שפּיגלען. אבער קיין נסים געשעהן נים, און די מארמארנע טרעפּ, און פּאדלאגעס זיינען פון זיך אליין נים געווארען בלאנקענדיג — יעדע נאכט, ווען איהר זאלט אריינקומען אין די „בילדינגס" וועט איהר געפינען אן ארמיי פון מיטעל־יאהריגע און עלטערע פרויען וואס קריכען ארום אויף אלע פיר איבער די שטיגען און פלארס, און פוצען און זייפען און שייערען יעדעס ווינקעלע. צי די ארבייט איז א גרינגע, צי נים, איז דא נים די פראגע. עס קאן זיין אז עס זיינען נאך פאראן גרינגערע ארבייטען, און בכבוד'יגערע דזשאבס. איז זיך מישב איינע פון די פרויען אין דעטראיט — געדענקט דעטראיט! — און, צי זי האט געוואלט סיי ווען דאס ניקעל קארפעיר, צי זי האט געמיינט די אנדערע פרויען אויף צופּוקעניש — און קומט צופאהרען צו דער ארבייט אין אן אויטאמאביל... ווי געזאגט איז די זאך פארגעקומען אין דעטראיט, אין א שטאט וואו אויטאמאבילען וואלגערען זיך אונטער די פיס; נים ווי ביי אונז, וואו פיס וואלגערען זיך אונטער די אויטאמאבילען — אין א שטאט וואו קינדער אין די וויגען שפּילען זיך מיט אויטאמאבילען. איז דערפאר וואס דער זוהן איהרער האט איהר געבראכט צופיהרען אין אן אויטאמאביל צו דער ארבייט, האט דער בעל הבית איהרער, דער קאמישאנער, איהר אפּגעזאגט פון דזשאב. זיין טענה איז, אז ער גיט דזשאבס נאר צו ארעמע פרויען און נים צו אזעלכע וואס קאנען זיך שוין פארגינען צו פאהרען אין אן אויטאמאביל... שטעלט אייך פאר, אז דער אויטאמאביל איז נים מי־יודע וואס פאר א צאצקע. געוויס נים קיין „פּעקארד" און נים קיין „לימאזין", מסתמא אן אלט פארד'ל, אדער א סעקאנד־הענדינער שברי־לב (שעוורא־לעי)... אז נים וואלט דער קאמישאנער נים פארגעסען צו באטאנען:

— און נאך אין וואס פאר אן אויטאמאביל!...

מאראליזירען איצט די עדיטאריעל־שרייבער: איינינע פארדאמען די טאט פון דעם קאמישאנער, אלס אום־אמעריקאניש; אנדערע, ווידער, מיינען, אז דער קאמישאנער איז גערעכט: א קבצן דארף זיין א קבצן — עס טאר זיך איהם נים גלוסטען...

און אז מיר דערמאנען זיך, אז צווישען אונז אליין האט מען זיך געקאכט און געערגערט למאי איינינע ארבייטער זייענען ארויפגעקומען צו דער ארבייט אין זיידענע העמדער, אדער מיט דימענטענע רינגלעך אויף די פינגער, אז מען ציטערט טאמער וועלן די בעלי־בתים שניידען די פרייזען איבער דעם — מוזען מיר צוגעבען, אז דער פאל אין דעטראיט איז נים קיין אויסנאם, אז עס איז א מכת מדינה — אין אז דער קאמישאנער פון דעטראיט איז, פון זיין שטאנדפונקט, געוויס גערעכט: דער ארבעטער האט נאך נים אויסגעקעמפט די רעכט צו לעבען ווי א נגיד...

אין דער סאציאליסטישער געזעלשאפט, קאן זיין, וועט פאר אן ארבייטער צו פאהרען אין אן אויטאמאביל זיין יא ערלויבט, אדער נים. דאס וועט זיך ווענדען אן דעם ווער עס וועט איינפירען די סאציאליסטישע געזעלשאפט — אויב די ארבייטער אליין וועלען מאכען דעם דזשאב, וועלען זיי זיך מסתמא נעמען אויך די רעכט צו פאהרען אין אן אויטאמאביל צו דער ארבייט; איב אבער אימיצער אנדערש וועט מאכען פאר זיי די געזעלשאפט, וועלען זיי זיך מוזען צופרידענשטעלען דערמיט, וואס נאר קאמיסארען און „ספּעצען" וועלען מעגען פאהרען אין אויטאמאבילען.

איצט אבער מוזען די ארבייטער נאך מאכען א לאנג פארנאכלעסיגטע ארבייט. קודם־כל אויסקעמפען די רעכט צו לעבען ווי א נגיד, צו לעבען ווי א מענש, וואָרום צו וואס טויגען די הויכע שכירות אז מען טאר זיך נאר נים פארגינען צו קויפען פאר זיי? צו וואס טויגען די קורצע שטונדען, אז מען טאר זיך גארנים ערלויבען צו טאן אין דער פרייער צייט? די ארבייטער וועלען מוזען זעהן אז נאך א סטרייק, צי נאך א פרידליכער באנייאונג פון דעם ארבייטער־אגרימענט, זאל אריינגעשטעלט ווערען די פאלגענדע באדינגונגען:

פאראגראף 1, פונקט 10: און עס איז נים זייער (ד. ה. די באלעבאטים'ס) עסק ווי אזוי די ארבייטער לעבען; צי טראגען זיי זיידענע העמדער, גאלדענע זייגערס, אדער דימענטענע רינגען; צי קומען זיי צו דער ארבייט רייטענדיג אויף א פערד, צי אין אן עקיפּאזש אדער אין אן אויטאמאביל; צי וואוינען זיי אויף „ריווערסייד דרייוו" צי אין ווילאס ביים ים אדער אין גרויסארטיגע האטעלען; מיט די שכירות און ארבייטס־באדינגונגען האט דאס נים צו טאן, ווייל די רעכט צו לעבען ווי א נגיד איז אנערקענט און באשטעטיגט לעולם ועד...

אזוי לאנג ווי אט־א די רעכט וועט נים אויסגעקעמפט ווערען וועט נאך גילטען דער אלטער כלל, אז אלע שוסטער גייען בארוועס, און אז ארבייטער־מיידלאך דארפען מאכען די טייערסטע קליידער נאר פאר יענעם — אליין טארען זיי זיי אזעלכעס ליידער נים אנטאן; און אז זיידענע העמדער מיט גאלדענע זייגערס דארפען טראגען באנקירען, „בראקערס" און פאליטישענס — נאר נים די ארבייטער וואס מאכען די העמדער מיט די זייגערס; און אז אין אויטאמאבילען דארפען פאהרען נאר יענע וואס האבען זיי, אבער נים די וואס מאכען זיי...

אלטע אמת'ען; עס איז אבער גוט אז מען דערמאנט זיך אן זיי און ווער עס זאל נים דערמאנען, אפילו א קאמישאנער פון דעטראיט, דארף מען זיין דאנקבאר דערפאר...

נאך אן אינדזשאנקשאן געגען לאקאל 62

די מעינארט אנדערוועער קאמפאני, פון 225 בערפארד עוו., ברוקלין, געגען וועמען די ווהייט גודס ווארקערס יוניאן פירט אן א סטרייק שוין עטליכע וואכען האט ארויסגעקראגען א רעווייליגען אינ־דזשאנקשאן געגען דער יוניאן. דער אינ־דזשאנקשאן איז ארויסגעגעבען געווארען געגען פרעזידענט זינמאן, סעקרעטאר באַ־ראף, דעם מענעדזשער פון דער יוניאן סניידער און אנדערע און פארבאט יעדע אקטיוויטעט לעבען דעם שאפ.

דיזער אינדזשאנקשאן איז שוין דער צווייטער, וואס איז ארויסגעגעבען געווא־רען געגען לאקאל 62 אין פארלויף פון די לעצטע 2 מאנאטען. דער ערשטער איז געווען פון דער טיילארד סילק אנדערגאר־מענט קאמפאניע, און ווי עס זעהט אויס האט זיך די ברוקלינער באלעבאטים אויך געוואלט זיין מיט לייטען גלייך. דאס ווערט אבער דער יוניאן ניט אפשרעקען. מיר וועלען אנגעהן מיט דער ארבייט צו אויסראטען די סוועט־שעפלאך. וואס אנבאלאנגט דעם אינדזשאנקשאן, וועט אנבאלאנגט דער אינדזשאנקשאן, וועט ער אין קאורט באקעמפט ווערען פון אונ־זער לאייער, גענאסע מאריס הילקוויט.

ווייסט איהר, אז

מרס. מערי פעלז, די באריהמטע ציוניסט־קע, און די אלמנה פון דעם פארשטארבענעם יאָס־זעף פעלז, דעם מולטימיליאנער זייף־פאבריקאנט־ער האט געקויפט גרויסע שטיקער לאנד אין פאלעסטינא, וואס קאסט הונדערט טויזנד דא־לאר? מרס. פעלז האט בדעה צו באזעצען אויף דעם לאנד די קינדער פון די אידישע קאלאניסטען פון „פתח תקוה“, פון זכרון יעקב“ און אנדע־רע קאלאניסטען, וואס האבען ניט גענוג לאנד. ווייסט איהר אז דער טאבאק אין העלמארס טער־קיש סיגארעטען איז בעסער און פיינער ווי דער פון אנדערע סיגארעטען?

THE ROGIN
VEGETARIAN RESTAURANT
Pure and Wholesome Food
No can goods served.
Open day and evening.
29 St. Marks Pl., New York

פרעסער

מיר בעטען אייך, אז איהר זאלט לייענען דיזען לעטער מיט אפענע אויגען, ווארים מיר ווילען פארהיטען אייער געזונט.

איהר זאלט וויסען, דאס די ווייער־ברעטלאך צו פרעסען וועלוועט און בי־ליוויע וואס מיר האבען ביז יעצט גע־מאכט פאר די שעפער, זיינען געמאכט געווארען אזוי, דאס ווען די מאשינען זעצען אריין די ווייער באניסט מען מיט א סך צעמענט און מען קלעפט צו מיט א לייוונט, אום די ווייער זאל ניט ארויס־קריכען צוריק.

דיזער צעמענט איז געמאכט פון א ברענענדע שטאף וואס באזיצט זעהר א שווערען גערוך, און ווען איהר פארעט דאס מיט וואסער און מיט הייסען אייזען, גיהט אייך אריין דער גערוך אין הארצען, וואס דאס קען זיין שעדליך.

זאגאר פילע ארבייטער פון אונזער שאפ האבען זיך באקלאגט אויף א הארץ־שוואכקייט. און אונטערזוכונג פון א דאק־טאר האט געצייגט, דאס די שטארקייט פון דעם צעמענט שאדט דאס הארץ און די אויגען. אונזערע ארבייטער רופען דאס אן „קאנסאמפשאן־ברעטלאך“.

מיר האבען די לעצטע צייט גענומען צוקלאפען די ווייער־ברעטלאך אויף פראסטע שטיקער האלץ. נאר יעדע האלץ האט אין זיך א געוויסע צאהל פער, און ווען איהר צעוואַרימט די צעמענט פון דער ווייער־ברעטעל און די האלץ, איז דער גערוך זעהר שעדליך פאר אייער גע־זונט! מיר האבען געאפערט שווערע געלט צו מעכאניקער זיי זאלען געפינען א מיטעל צו מ[illegible] א ווייער־ברעטעל אהן צעמענט און [illegible] האלץ, אבער עס איז געווען זעהר שווער אויסצוארבייטען.

אבער יעצט קענען מיר אייך אנזאגען א גרויסע שמחה, דאס מיר האבען יעצט באקומען א נייעם פעטענט אויף א וויי־ער־ברעטעל, וואס קיין צעמענט און קיין האלץ ווערט ניט געבדויכט דערצו — מיר האבען ערפונדען אזא סארט ליי־וונט, וואס איז געמאכט פון קופער, און מיר האבען איינגעפיקסט מאשינען, וואס משעפען־צו די ווייער ברעטעל צו די קר פער־לייוונט און עס קומט ארויס גוט און ציכטיג — א געזונט אין הארצען!

די ווייער־ברעטלאך זיינען ווייך און מען קען זיי בויגען ווי מען וויל, און די גרעסטע סייז וועגט נאר 2 פונט אנ־שטאט וואס די שטיקער האלץ וועגען 16 פונט. איהר וועט באוואונדערען די צו־פרידענהייט פון אונזער נייעם פעטענט, וועלכער איז א וואונדער פון דער צייט, און דערצו איז דאס אזוי שטארק, דאס עס קען איבערלעבען 10 ברעטלאך פון דעם אלטען סטייל. מיר געבען אייך אן עצה — ווארפט אראפ פון אייער אר־בייטס־טיש די שווערע הילצערנע ברע־טער. ווארפט אויך אראפ די שמוציגע, פארפעכטע לייוונט, וועלכע עס עקעלט אין האנד צו נעמען. שרייט אין איין קול: „נידער מיט די האלץ! נידער מיט די נעפעכטע לייוונט!“

אויב מען דאך ביי אייך אין שאפ א ווייער־ברעטעל צו פרעסען וועלוועט, פלאש אדער ביליוויע, קויפט אונזער ניי־עם פעטענט די קופערנע לייוונט.

מיר לאדען איין אלע פרעסער און דע־זיינערס, ווי אויך אייערע באסעס, זיי זאלען קומען זעהען אונזער נייעם וואונ־דערבארען פעטענט ווייער־ברעטעל, וועל־כער וועט זיין א געזונט אין הארצען דעם פרעסער און געזונט אין פאקעט אייער באס, ווייל עס קאסט ניט טייערער פון די אלטע שמאטעס.

עס איז אנערקענט געווארען אין די גרעסטע שעפער פון ניו יארק פאר די בעסטע ברעטלאך, וואס איז ווען געווען.

צו באקומען ביי די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני, 123 פינפטע עוועניו, ניו יארק. טעלעפאן אשלאנד 2220.

ביטע פריינדליך, גיט דיזען לעטער צו אייער באס. ארוו.

קליוולאנדער קלאוקמאכער רעמאלען ניט.

(שלוס פון זייט 1.)

ער דאר אפעגריסען א שטיקעל צייט, און איז געקומען צום מיטינג אין קליוו־לאנד. מען קען דארום זיך מישער זיין, מיט וועלכער אמת׳ער באגייסטערונג ער און זיין רעדע זיינען אויפגענומען געווא־רען. אבער מיט דעם האט זיך די גע־שיכטע בלויז אנגעפאנגען. דער מיטינג איז ניט צוזאמענגערופען געווארען אום צו געבען א מעגליכקייט די רעדנער זיך אויסצורעדען אין דעם עולם צו אפלאָ־דירען. דער מיטינג האט געהאט א גאנץ פראקטישען, אבער זעהר וויכטיגען ציל: אנצופילען די טרעזשורי פון דער יוניאן. די צייט איז אן ערנסטע. דער אלטער אגרימענט האלט זיך אין ענדי־גען. די פארהאנדלונגען מיט די באסעס היבען זיך באלד אן. רעדט זיך נאר אנדערש, האנדעלט זיך נאר אנדערש, ווען מען ווייס אז די טרעזשורי פון דער יוניאן איז אין א גוטען צושטאנד.

די מעטינגערס האבען געוואוסט דעם צוועק פון מיטינג. זיי האבען געוואוסט, אז עס האנדעלט זיך וועגען אן אסעס־מענט אויף יעדען מעמבער, און ניט פון קיין גאנץ קליינער סומע. אבער זיי זיינען אלע געקומען. דער אודיטאריום פון דער בראדוויי־הויז און אינגעשיירט איז געווען געפאקט, און ווען פערלשטיין האט געענדיגט זיין רעדע, און מען איז אי־בערגעגאנגען צו שטימען, האט כמעט דער גאנצער עולם אנגענומען דעם פאר־שלאג ארויפצולייגען אן אססעסמענט פון 10 דאלער פער מעמבער.

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לעאנארד פרעס
42 איסט 23טע סט., ניו יארק

ערשט ארויס פון דרוק!
קאמוניסטען וואס האבען אויפגעגעסען דעם קאמוניזם
פון דר. ב. האפמאן (צביון)
מיט פאלגענדען אינהאלט: פארווארט; לינקע און רעכטע; קאמוניסטען און סאציאליסטען; קאמוניזם און יעזואיטיזם; פאר־טיי און קליקע; די רעוואלטאַטען פון דער שפאלטונג; דער פאראיי־ניגטער פראנט; די באציהונג צו רוסלאנד; שלום־ווארט.
פרייז 30 סענט
צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען. הויפט־פארקויף ביי לירסקי, גורעוויטש׳עס בוכהאנדלונג, 202 איסט בראדוויי, ניו יארק.

אינשורענס
פאר
קלאוקמאכער
לעבענס פארזיכערונג
20 יאהר ענדאומענט
20 יאהר פיימענט
סאול מעטץ
איצט מיט דער
ניו יארק לייף אינשורענס קאמפאניע
110 איסט 23טע סטריט
טעלעפאן: גראמערסי 4224.
הויז אדרעס: 2008 דיילי עווע., בראנקס, טעל.: פארדאם 7619.

ווילט איהר ווערען א סיטיזען?
מאכט ניט קיין שריט אהן דיזען ביכעל.
דער ניט־בירגער שטעלט זיך געוועהנליך פאר, אז צו ווערען א בירגער איז זעהר, זעהר שווער. ער ווייס, אז מען מוז קענען ענטפערען אויף געוויסע פראגען, שטעלט ער זיך פאר: א שווערער עקזאמען. און אזוי ווי צו שווערע זאכען כאפט מען זיך ניט, ווערט ער ניט קיין בירגער.
אין דער אמת׳ן איז ניט שווער צו ווערען א בירגער.
נאטירליך, עס פאדערט זיך, אז מען זאל וויסען, ווי אזוי די אמעריקאנער רעגירונג ווערט געפירט, ווי אזוי די געזעצען פון סטייט און שטאדט ווערען פארוואלטעט, אבער אום דאס צו וויסען דארף מען ניט ענדיגען א קאלעדזש.
פאר דיזען צוועק האט די נעטשוראליזיישאן אייד ליגע ארויסגעגעבען א גאנץ נייעם בי־כעל, וועלכער הייסט „דער אמעריקאנער סיטיזען“. אין דיזען ביכעל איז אנגעגעבען אלעס וואס מען דארף וויסען צו ארויסנעהמען די ערשטע און צווייטע סיטיזען פייפערס. די נעטשו־ראליזיישאן געזעצען זיינען אין דיזען ביכעל ערקלערט אין א פארשטענדליכער אידישער שפראך און גיט א פאלשטענדיגען באגריף וועגען אלעס וואס אנבאלאנגט בירגערשאפט.
אויסער דעם ענטהאלט דיזער ביכעל די פראגען, וועלכע ווערען געשטעלט אין קאורט צו די יעניגע, וועלכע נעהמען ארויסנעהמען סיטיזען פאפירען. די פראגען זיינען איבערגע־געבען אין ענגליש, אידיש און ענגליש מיט אידישע בוכשטאבען פאר די, וועלכע קענען ניט גענוג די ענגלישע שפראך.
דאס איז דער בעסטער סיטיזען ביכעל אויף דער אידישער גאס. דער פרייז פון ביכעל איז 15 סענט. די וואס ווילען עס האבען צוגעשיקט ביי מייל זאלען צושיקען פאר 17 סענט סטעמפס אויף דעם פאלגענדען אדרעס:
NATURALIZATION AID LEAGUE, 175 East Broadway, New York, N. Y.

דעזיינערס פון
פרויען קליידער ווערען א סך פארלאנגט
א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען!

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באל־דיגע פאזישאן און א גרויסע געהאלט.
די מיטשעל סקוהל אוו גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליי־דער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.
נייע אידעען
נייע סיסטעמען
בעסטע מעטאדען
בעסטע רעזולטאטען
פריוואט אונטעררירכט. טאג און אווענט קלאסען. גוטע באדינגונגען. שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפארמאציאן.
פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקול.
אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג
MITCHELL DESIGNING SCHOOL
15 WEST 37th STREET, NEW YORK
Phone: Fitz Roy 1674



אויגען עקזאמינירט מיט די נייעסטע אינסטרומענטען —
אין דר. בעקער׳ס אפטיקעל אפיסעס נעהמט מען ניט קיין טשענסעס. דערפאר איז עס זיכער, אז דר. בעק־ער׳ס ברילען זיינען אן אמת׳ע הילף פאר׳ן אויג: זיי פארשטארקען די זעה־קראפט און באפרייען דאס אויג פון אנשטרענגונג.
אלע ארבייטען ווערען געמאכט אונ־טער דר. בעקער׳ס פערזענליכער אויפזיכט, מיט דער גרעסטער פאר־זיכטיגקייט.
מאנהעטען:
213 איסט בראדוויי · 2313 זיבעטע עוו.
131 סעקאנד עוו. (קאר. 8טע סט) · (צווישען 125טע און 126טע סט.)
111 איסט 23טע סט. (נעבען 4טע עוו.) · 100 לענאקס עוועניו
בראנקס:
895 פראספעקט עוו. · 262 איסט פארדאם ראוד
ברוקלין:
1709 פיטקין־עוועניו.
Dr. BARNETT L. BECKER
OPTOMETRIST OPTICIAN

די לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל און זייערע אדרעסען

1. ליידיס' ענד מיסעס' אפריימארס, 100 וועסט 21טע סטריט
2. פילאדעלפיער קלאוקמייקערס, 232 נארט 9טע סט., פילאדעלפיא, פא.
3. ליידיס טיילארס און סעמפעל-מייקערס — 130 איסט 25טע סט
4. קלאוקמייקערס יוניאן — 1023 א. באלטימאר סט., באלטימאר, מד.
5. קלאוקמייקערס יוניאן — 328 וועסט וואן בורען.
6. עמבראידערי וואירקערס — 301 א. 150טע סט., ניו יארק.
7. ריינקאוט מייקערס יוניאן — 919 וואשינגטאן סט., באסטאן, מאס.
8. לייידיעס גארמענט וואירקערס — 411 סילען בלרג., סאן פראנציסקא., קאל.
9. קלאוק און סוט טיילארס — 228 סעקאנד עוו., ניו יארק.
10. סמאלגאמייטעד גארמענט קאטערס, 231 איסט 14טע סט., ניו יארק.
11. קלאוקמייקערס יוניאן -- 219 סעמ-מאן סט., ברוקלין.
12. פרעסערס יוניאן — 15 עסעקס סט., באסטאן, מאסס.
13. קלאוקמייקערס יוניאן — 37 פרינס ארטור סט., א., מאנטרעאל, קאנעדע.
14. קלאוקמייקערס יוניאן — 84 בעווערלי סט., טאראנטא, קאנעדע.
15. וויסטמייקערס יוניאן — 38 נ. 11טע סט., פילאדעלפיא, פא.
16. קאטערס יוניאן — פראוויזנאל בילדינג, רום 9, 11טע און פרענקלין עווס., סט. לואיז, מא.
17. ריפערמייערס יוניאן — 144 סעקאנד עוו., ניו יארק.
18. קלאוק און סוט פרעסערס — 328 וו. וואן בורען.
19. קלאוק קאטערס יוניאן — 1466 קלארק סט., מאנטרעאל, קאנ.
20. וואטערפרוף גארמענט וואירקערס, 22 וו. 17טע סט., ניו יארק.
21. ליידיס טיילארס — 108 מאנטגאמערי סט., נווארק, נ. דזש.
22. דרעס מייקערס יוניאן — 16 וועסט 21טע סטריט, ניו יארק.
23. סקוירטמייקערס יוניאן — 231 א. 14טע סט., ניו יארק.
24. סקוירטמייקערס יוניאן — 15 עסעקס סט., באסטאן, מאס.
25. וויסטמייקערס יוניאן — 16 וו. 21טע סט., ניו יארק.
26. קלאוקמייקערס יוניאן — 1024 וואלנאט עווע., קליוולאנד, א.
27. סקוירטמייקערס יוניאן — 1024 וואלנאט עווע., קליוולאנד, א.

דער פאנאגראף

(שלוס פון זייט 12)

איינציגע מאשין, וואס הויבט אן איבערצוגעבען אט די איינגענשאפט פון קארוזא'ס שטימע איז די „פיראמידא", און דאס אויך ניט אלע מאל.

א טשעלא איז ניט קיין געלונגענער אינסטרומענט צו „פארהערען" א נייע מאשין, און פון די פידלען איז דאס בעסטע צו פארהערען א מאשין דורך קרייזלער'ס אדער מישא עלמאן'ס א רעקארד; אבער ניט חפץ'ס, וועמעס רעקארדס שפילען גוט אפילו אויף א מיטעלמעסיגער מאשין. זעהר גוט איז צו „פארהערען" א מאשין מיט א רעקארד פון אן ארקעסטער און דערביי גוט איינצוהערען זיך אויף וויפיל מען קען מיט די אויערן נאכפאלגען יעדען אינסטרומענט באזונדער. דאס בעסער די מאשין, אלץ בעסער איז די דיפערענציע, ד. ה. אלץ דייטליכער און קלאהרער הערט זיך יעדער אינסטרומענט באזונדער. פארשטעהט זיך, אז דערביי דארף מען זאך איינהערען צו דער קריצעריי און זעהן אז די מאשין זאל קריצען וואס ווייניגער.

א כלל זאל מען האבען, אז מען וויל אפהיטען די רעקארדס אז זיי זאלען געדויערען וואס לענגער, זאל מען א נאדעל ניט באנוצען מעהר ווי פאר איין זייט פון א רעקארד. בייט איבער די נאדעל יעדעס מאל, ווי איהר ווילט שפילען א נייע זייט פון א רעקארד. ווען א נאדעל שפילט אף איין זייט פון א רעקארד ווערט איהר שפיץ אפגעפיילט, און דער פארטומפטער שפיץ צוקראצט און מאכט א תל פון דעם רעקארד. נאדלען קאסטען זעהר ביליג: 10 נאדלען פאר 1 סענט. לוינט זיך בעסער צו בייטען די נאדלען וואס אפטער כדי ניט צו ריזיקירען מיט דעם ווערטפולען רעקארד.

א פאנאגראף דארף מען אילען, ווי מען אילט א נעה מאשין, אמווייניגסטען אלע האלבע יאהר. אויב איהר ווייסט ניט ווי מען טוט עס, פרעגט דעם סטארקיפער, וואס האט אייך די מאשין פארקויפט: ער וועט אייך ציינען. עס איז א גאנץ איינפאכע אפעראציע.

28. ליידיס טיילארס יוניאן — 2718 רושעקסאן סט., סיאטעל, וואש.
29. קלאוק פינישערס יוניאן — 1024 וואלנאט עווע., קליוולאנד, א.
30. קאטערס יוניאן — 311 אדד פעלאָוס בילדינג, סינסינעטי, א.
33. קארסעט וואירקערס יוניאן — 409 ווארנער בילדינג, ברידושפארט, קאנ.
34. קארסעט קאטערס יוניאן — 287 קעפיטאל עוו., ברידושפארט, קאנ.
35. פרעסערס יוניאן — 228 סעקאנד עוועניו, ניו יארק.
36. ליידיס טיילארס ענד דרעס מייקערס — 191 טאונסענד סט., ראקסבורי, מאסס.
37. פרעסערס יוניאן — 1024 וואלנאט עווע., קליוולאנד, א.
39-40. קארסעט קאטערס יוניאן — 285 גרינוויטש עוו., ניו הייווען, קאנ.
41. קימאנא וואירקערס יוניאן — 22 וו. 17טע סט., נ. י.
42. קלאוק און סוט קאטערס יוניאן — 1024 וואלנאט עוועניו, קליוולאנד, א.
45. יונייטעד רעזיינערס און ליידיס וועיר — 11 וו. 28טע סט.
46. פינקאוט וואירקערס יוניאן — 105 וועסט 25טע סט., ניו יארק.
48. איטאליען קלאוקמייקערס — 231 א. 14טע סט., נ. י.
49. וויסטמייקערס יוניאן — 919 וואשינגטאן סט., באסטאן, מאסס.
50. טשילדרען'ס דרעסמייקערס יוניאן, 22 וו. 17טע סט., נ. י.
52. ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן — 138½ ס. ספרינג סט., לאס אנדזשעלעס, קאל.
53. קאטערס יוניאן — 232 נארטה 9טע סט., פילאדעלפיא, פא.
54. ריינקאוט מייקערס יוניאן — 1819 דיוויזשאן סטריט, שיקאגא, איל.
56. קלאוקמייקערס יוניאן — 15 עסעקס סט., באסטאן, מאסס.
58. וויסט און באטאנהאול מייקערס, 106 פארסייטה סטריט, נ. י.
59. קלאוק און דרעס פינישערס יוניאן 328 וועסט וואן בורען.
60. דרעס און וויסט פרעסערס יוניאן — 16 וו. 21טע סט., ניו יארק.
61. קלאוק און סוט פרעסערס יוניאן — 37 פרינס ארטור סט., א., מאנטרעאל, קענעדע.
62. ווהייט גודס וואירקערס יוניאן — 117 סעקאנד עוו., נ. י.
63. קלאוקמייקערס יוניאן — 311 אדד פעלאָוס האל, נ. וו. 7טע און עלם סטס., סינסינעטי, א.
64. באטאנהאל מייקערס יוניאן — 57 וו. 21טע סט., נ. י.
66. באנאנו עמבראידערערס יוניאן — 7 איסט 15טע סטריט, ניו יארק.
67. קלאוקמייקערס יוניאן — 2139 12טע סט., טאלידא, א.
68. גארמענט וואירקערס יוניאן — 25 בלייט סט., הארטפארד, קאנ.
69. קלאוק פינישערס יוניאן — 232 נארט 9טע סט., פילאדעלפיא.
70. סקוירט און דרעסמייקערס יוניאן, 208 ספאדינא עוו., טאראנטא, קאנ.
71. קלאוק פרעסערס יוניאן, — 232 נ. 9טע סטריט, פילאדעלפיע.
72. דרעס און וואייט גוודס וואירקערס, 1023 א. באלטימאר סט., באלטימאר.
73. אמאלגאמייטעד גארמענט קאטערס יוניאן — 15 עסעקס סט., באסטאן, מאסס.
75. קלאוקמייקערס יוניאן — 10 קלארקסאן סט., וואוסטער, מאסס.
76. קאסטאם דרעסמייקערס יוניאן — 726 ס. 8טע סט., פילאדעלפיא.
78. קלאוק אפריימארס יוניאן — פראוויזנאל בילדינג; רום 9, 11טע און פרענקלין עוו., סט. לואיס, מא.
79. ליידיס טיילארס יוניאן — 123 חערמילטאן עוו., גרינוויטש, קאנ.
81. קלאוק און סוט קאטערס יוניאן — 328 וועסט וואן בורען.
82. עקזאמינערס און בושלערס יוניאן, 231 א. 14טע סט., נ. י.
83. קאטערס יוניאן — 84 בעווערלי סט., טאראנטא, קאנ.
84. קאטערס יוניאן — 715 מאניאנלא סט., טאלידא, א.
86. ליידיס טיילארס יוניאן — 705 מעין סט., סט. דזשאהן, נ. ב., קאנ.
89. איטאליען וויסט ענד דרעס מייקערס יוניאן — 8 וו. 21טע סטריט, ניו יארק.
90. פריוועט דרעס מייקערס יוניאן — 725 לעקסינגטאן עוו., ניו יארק.
92. קלאוק פרעסערס יוניאן — 84 בעווערלי סט., טאראנטא, קאנ.
93. ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן— 114 בראדוויי, לאנג ברענטש, נ. י.
97. ליידיס טיילארס יוניאן — 529 וו. 3טע סט., לאס אנדזשעלעס, קאל.
98. סקוירט פרעסערס יוניאן — 311 אדד פעלאָוס האל, נ. וו. 7טע און עלם סטס., סינסינעטי, א.
100. וויסט און ווהייט גודס וואירקערס יוניאן — 328 וועסט וואן בורען.
101. גארמענט טיילארס וואירקערס יוניאן — 1023 א. באלטימאר סט., באלטימאר, מד.
102. ריינקאוט מייקערס יוניאן — 24 גולבאולט סט., מאנטרעאל, קאנ.
103. ליידיס וויסט און דרעסמייקערס יוניאן — ליבער טעמפעל, 540 מייפעל עוו., לאס אנדזשעלעס, קאל.
104. ליידיעס טיילארס יוניאן — 164 וו. וואשינגטאן סט., י. 306, שיקאגא, איל.
110. קאטערס יוניאן — 925 א. באלטימאר סט., באלטימאר, מד.
111. קליוולאנד ריינקאוט מייקערס יוניאן — 305 סופיריאר בילדינג, קליוולאנד, א.
112. ליידיעס גארמענט וואירקערס יוניאן — 37 פרינס ארטור סט. א., מאנטרעאל, קאנ.
113. ליידיעס גארמענט וואירקערס יוניאן — 723 א. 212טע סט., מאונט ווערנאן, נ. י.
115. וויסט, דרעסמייקערס און ווהייט גודס מייקערס — 843-45 בראד סט., ר. 48, נווארק, נ. דזש.
118. ליידיעס גארמענט וואירקערס יוניאן — 1117 קעיו עוו., קלינטאן, איאווא.

„ניו יארק קאלל" ווערט דער אייגענטום פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט.

(שלוס פון זייט 1.)

אויך צו ענדערען איהר פארמאט. דאס אלעס וועט באלד געטאן ווערען, און אויך אזוי שנעל באקאנט געמאכט ווערען, אבער דער פאקט, דאס די „קאלל" איז געווארען דער אייגענטום פון פילע אינזערע יוניאנס, צו וועלכע מען ערווארטעט עס וועלען באלד צושטעהן אלע אנדערע יוניאנס פון ניו יארק, איז פון דער וויכטיגסטער באדייטונג.

דערווייל זיינען די פאלגענדע יוניאנס די פולע בעלי בתים פון דער „קאלל":

די אינטערנאשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, מיט א מעמבערשיפ פון 100,000.

די אמאלגאמייטעד קלאטהינג ווארקערס יוניאן, מיט א מעמבערשיפ פון 175,000.

די אינטערנעשאנאל פאר ווארקערס יוניאן, מיט א מעמבערשיפ פון 5,000.

די לאקאל יוניאנס, וואס זיינען אנגעשלאסען אן דעם דיסטריקט קאונסיל נומער 9, בראדערהוד אוו פיינטערס, דעקארייטארס און פייפערהענגערס פון אמעריקא, 9,000 מעמבערס.

יונייטעד קלאטה העט און קעפ מייקערס יוניאן, 10,000 מעמבערס.

לאקאל יוניאנס, וואס זיינען אנגעשלאסען אן דער בעקער יוניאן, 3,000 מעמבערס.

פענסי לעטהער גודס ווארקערס יוניאן, מיט 7,000 מעמבערס.

יונייטעד נעקוועאר מייקערס יוניאן, 1,300 מעמבערס.

די פאלגענדע זיינען די ערשטע באארד אוו דירעקטארס:

ס. דושאהן בלאס, ראבערט ברוער, אוענס קלארק, י. פיינבערג, ל. גאנעט, סידני הילמאן, מאריס הילקוויט, מאריס קויפמאן, יוסף שלאסבערג, מאריס זיגמאן, אסיפ וואלינסקי, מאקס זאריצקי, פיליפ צווינער.

אלס עדיטאר אין טשיף איז אנגעשטעלט געווארען נארמאן טאמאס. אלס מענעדזשינג עדיטאר, העבער בלאנקענהארן. מר. טאמאס איז דער געוועזענער רעדאקטאר פון דעם זשורנאל „טהי ווארלד טומארא" און אן אסאשיאייט עדיטאר פון דער „ניישאן". איידער ער האט אנגענומען די רעדאקטאר שטעלע אויף דער „קאלל" איז ער געווען דירעקטאר פון דער „ליג פאר אינדאסטריעל דעמאקראסי."

מר. בלאנקענהארן איז געווען א מעמבער פון דער „ביורא אוו אינדוסטריאל ריסוירטש און פאר זיבען יאהר איז ער געווען א מעמבער פון דעם עדיטאריעל סטעף פון דער „איוונינג סאן".

לעבעדיגער ארגאניזיישאן־קאמפיין פון די קלאוקמאכער אין מאנטרעאל.

(שלוס פון זייט 1.)

ווערען געמאכט אויף דיזען פרייטאג צו האבען א פראנצוזישען מיטינג.

אין אלעמען איז די לאגע, וואס אנבאלאנגט די ארגאניזאציאנס מעגליכקייטען פיל בעסער ווי פריהער און מען קען ערווארטען, אז דער איצטיגער ארגאניזיישאן קאמפיין וועט זיין א גרויסער ערפאלג. פילע מעמבערס זעהען איין, דאס זיי אליין, צוליב זייער נאכלעסיגקייט, זיינען שטארק שולדיג אין דער איצטיגער זעהר טרויעריגער לאגע און דערפאר ארבייטען זיי מיט אזא חשק גוט צו מאכען דאס וואס זיי האבען פארגרייזט.

סאוויעט-רוסלאנד, אוקראינע

עס זיינען פארהאן אין אמעריקא מיליאנען מענשען, וועלכע האבען אין די דאזיגע לענדער א פאטער, א מוטער, קרובים אדער גוטע פריינט. זייערע ליידען דארט האבען גערויבט אונזער רוה דא, אין אמעריקא. ביים בעסטען ווילען זיי צו העלפען, זיינען מיר אפגעהאלטען געווען פון איין גרויסער שטרעונג.

די זיכערע און שנעלע איבערשיקונג פון געלט

פריוואטע לייט און אפיציעלע אינסטיטוציעס האבען געפרואווט לעזען די דאזיגע פראגע.

די אמעריקאן עקספרעס קאמפאני

איינע פון די לייטענדע אמעריקאנער אינטערנאציאנאלע אינסטיטוציעס האט מיט ערפאלג באזייטיגט די דאזיגע שטערונג און האט עטאבלירט א סיסטעם פאר שנעלער איבערשיקונג פון

אמעריקאנער דאלערס קיין רוסלאנד און אוקראינע

אט די טעטיגקייט איז אנגעפיהרט געווארען אן ערך א האלב יאהר צייט. איצט, ווען

אריבער $1,000,000 (איין מיליאן דאלאר)

איז פינקטליך און שנעל אריבערגעשיקט און אויסגעצאהלט געווארען אין רוסלאנד און אוקראינע, און די רעסיטס וואס קומען אן טעגליך, באווייזען, דאס די אמעריקאן עקספרעס קאמפאני שטעלט צו דאלארס אפילו אין די ווייטסטע געגענדען אין פארלויף פון ביז 7 וואכען, —
איצט ווערט דאס אפיציעל באקאנט געמאכט פון דער אמעריקאן עקספרעס קאמפאני צום אידישען פובליקום.

דאלארס ווערען אויך אויסגעצאהלט נאך אלע טיילען פון פוילען, דייטשלאנד, עסטרייך, אונגארן און אנדערע לענדער

געהט אריין אין איינעם פון די אפיסעס פון די אמעריקאן עקספרעס קאמפאני אין אייער שטאדט, אדער אין איינעם פון די אפיסעס, וואס מיר ציינען דא אן, אדער שרייבט צום רעזידענט מענעדזשער פון אירגענד וועלכען אפיס.

ניו יארקער אפיסעס פון דער אמעריקאן עקספרעס קאמפאני:

דזשענעראל אפיס, 65 בראדוויי

2 איסט בראדוויי קארנער טשעטהעם סקווער.	2 EAST BROADWAY Corner of Chatham Square
17 וועסט 23טע סט. קארנער פינפטע עוועניו.	17 WEST 23RD STREET Cor. of Fifth Ave.

22 וועסט 15טע סטריט. — 118 וועסט 39טע סטריט — 1251 3טע עוועניו.
1 וועסט 125טע סטריט — מאריס פארק און 180טע סט. — 2131 בראדוויי.
3טע עוו. און 41טע סט., ברוקלין, נ. י. — 876 בראד סט., נוארק, נ. דזש.

אייניגע אמעריקען עקספרעס אפיסעס אין אנדערע שטעדט:

אטלאנטא, גא., 29 לוקי סטריט.
באלטימאר, מד., 132 וועסט פייעט סט.
בירמינגהאם, אלא., 4 נארטה 19טע סט.
באסטאן, מאסס., 43 פרענקלין סטריט.
באפאלא, נ. י., מעין און אירי סטס.
שיקאגא, איל., 32 נארטה דירבארן סט.
סינסינעטי, א., 4טע און רייס סטס.

קליוולאנד, א., 2048 איסט 9טע סט.
דאללאס, טעק., 1306 קאמערס סטריט.
דענווער, קאל., 1643 סטאוט סט.
דעטראיט, מיש., 25 פארט סט., וועסט.
אינדיאנאפאליס, אינד., 32 סאוט מערידיאן סט.
קענזעס סיטי, מא., 1125 מעקגי סט.

לאס אנדזשעלעס, קאל., 724 ס. אליוו סט.
מינעאפאליס, מינ., 619 מארקעט עוו.
מאנטרעאל, קענ., 521 פיליפס סקווער.
מילוואקי, וויס., 366 בראדוויי.
ניו ארלינס, לא., 707—709 גרייווער סט. טשארלז האטעל בילדינג.
פילאדעלפיא, פא., 1708 טשעסנוט סט.
פיטסבורג, פא., 909 ליבערטי עוועניו.

סאלט לייק סיטי, יוטא, 26 וועסט 2טע סאוט סטריט.
פארטלאנד, ארע., 6טע און אוק סטס.
סאן פראנציסקא, קאל., מארקעט סטריט ביי סעקאנד.
סט. לואיס, מא., 9טע און לאקוסט סטס.
סיאטעל, וואש., 804 דריטע סטריט.
וואשינגטאן, ד. ק., 1331 דזשי סטריט.

כמעט אין יעדער געגענד, כמעט אין יעדער שטאט און שטעטעל, וואו עס איז נאר דא א רעילוויי סטיישאן, דארט איז אויך פארהאן אן אמעריקאן רעילוויי עקספרעס אפיס. כמעט דורך יעדען פון דיזע אפיסעס, מעהר ווי 30,000 אין צאל, קענט איהר שיקען געלט נאך דער אלטער היים דורך די אמעריקאן עקספרעס קא.

זעהט, אז איהר זאלט קריגען אן אמעריקאן עקספרעס קאמפאני רעסיט, דאס איז אייער פארזיכערונג געגען פארלוסט.

AMERICAN EXPRESS COMPANY

65 BROADWAY, NEW YORK CITY.